STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06145

ZAMD

Menahem Boraisha

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם

מהספריה של
הרב דר. אליעזר ב״ץ
פאססייק, נ. דזש.

זאמד

א פאעמע

ארויסגעגעבן פון פארלאג „אידיש“, ניו־יארק
תר״פ — 1920

זאמד

...וכחול אשר על שפת חים

Copyright, 1920
by
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

1. לאורא

שנייעלעך טראָגנען זיך, פליהען אין ווינד,
טראָגט זיך מיט זיי דורך די גאַסען אַ קינד.

לויפט זי דורך שנייאיגע גאַסען אַליין —
איצטער וועט קיינער נישט לאָזען זיך געהן.

ס'האָבען אַ יום־טוב די לייט אָפּגעריכט —
זיצט מען ביי זיך און מען באָדט זיך אין ליכט.

היינט, וואוהין יאָגט זיך דורך גאַסען אַ קינד —
האָט זי קיין שוץ נישט פון שנייען און ווינד?

ווארעם און גרוים איז איהר עלטערנ'ס הויז,
ליכטיג איז דאָרטען טאָג איין און טאָג אויס.

זי אָבער איז פון דער ליכטיגער היים
איצט אין דער שניי־נאַכט אַנטרונען געהיים.

ס׳וואוינט איהר׳ם א חבר׳טע דארט ערגעץ ווייט —
זאגט זי: ס׳איז יום־טוב ביי זייערע לייט.

וואס מיינט עס: יום־טוב? און ווי איז עס דען?
זי האט נאך קיינמאל אזוינס נישט געזעהן.

באלד נאך א גאס, און א געסעל אריין
פאלט אויפ׳ן שנײ פון א פענסטער א שיין.

אט שוין ביים פענסטער — וואס זעהט זיך דערין?
חויבט זיך צום באלקען א נאדעל־בוים גרין.

שימערט מיט ליכטלעך און שפיעלצייג און בלאנקט.
עפּעס די מוטער די קינדער דערלאנגט.

קינדער, אין ווייסען און ראזען געקליידט,
שפּיעלען און בינדען זיך, פלעכטען א קייט.

גליווערט פון דרויסען א קינד און זי קוקט —
קלעמט איהר דאס הארץ, וואס אנ׳אקסעל זיך צוקט?

שנייעלעך שווינבלען און פליהען אין ווינד —
שטעהט ביי א פענסטער א פרעמדען א קינד.

חערט נישט, ווי עמיצער עפּעגט א טהיר,
נעהמט זי ביים ארעם אין וואונדער אויף איהר:

— לאורא, גאר איז מיט דיר, דא אין שניי!
קום צו דיר קינדער און שפּיעל זיך מיט זיי.

שפּארט זיך אין אנגסטען א קינד צו דער וואנד,
שטיל — און זי רייסט זיך ארויס פון דער האנד,

רייסט זיך און יאגט זיך אין פינסטער אריין,
ווייטער פון שניי, וועלכער באדט זיך אין שיין,

שנייעלעך יאגען זיך, שוויבלען אין ווינד,
יאגט זיך מיט זיי דורך די גאסען א קינד.

2. דאָס הויז

אין א גאס, וואו גוים וואוינען,
איז א גוי'ש הויז פאראנען
מיט א הויף און מיט א גארטען,
בלומען־טעפּ און ברייטע פענסטער, —
נאר נישט גוים וואוינען דארטען.

דאַרטען וואוינען זיבען קינדער.
זיבען קעפּ מיט שוואַרצע קרויזען
און פון קויהל געשניצטע ברעמען.
זיבען קינדער זיבען שטיבער
אין דעם גרויסען הויז פאַרנעהמען.

זיבען שטיבער און דעם גאַרטען,
וואו עס קומען זיך צוזאַמען
אַלע קינדער פון די שכנים:
אויגען העלע, און די קעפּעלאַך
פלאַקס און גינגאָלד איינס ביי איינעם.

טונקלען זיך די שוואַרצע קרויזען
צווישען פלאַקס און צווישען גינגאָלד,
ווי די קווייטען צווישען זאַנגען:
אָפּגעפּרישט פון זעלבען רעגען
אויף איין באָדען אויפגעגאַנגען;

איז איין בוך און שול פאַר אַלע,
איז איין צייט אַהיים פאַר אַלע,
און צושטיפען זיי זיך אַלע —
כאַפּט אַ פלאַקס־קאָפּ אַן אַ שוואַרצע
און ער זאָגט: וועסט זיין מיין כלה.

האט די וואך זעקס טעג צום לערנען
און דעם זיבעטן צום רוהען.
קלינגען אלע קירכען־גלאקען,
בלייבען דאן אליין די קינדער
מיט די שווארץ־געקרויזטע לאקען.

בלייבען זיי אליין און קוקען,
ווי דאס פלאקס און גינגאלד לאזט זיך
געהן אהין, וואו גלאקען קלינגען,
וואו מען הערט דעם ארגעל שפיעלען
און די קינדער־שטימען זינגען.

בלייבט מיט זיי דער טאטע איבער,
פיהרט ער זיי ארויס אין גארטען
און ער שפיעלט מיט זיי צוזאמען:
ווערט זיי מיט'ן טאטען ליעבער,
ווי צו בלייבען מיט דער מאמען.

ס'איז די מאמע אזא פרעמדע!
און ווען יענע קינדער קומען,
קעהרט זי זיך אוועק א שטילע
און וועט קיינמאל ניט ארויסגעהן
זיך מיט זיי אין גארטען שפיעלען.

נעהט אוועק צו זיך אין צימער,
עפענט אויף א בוך א פרעמדען,
אזא פרעמדען און א דיקען —
און א אומעט יאגט פון איהרע
שטילע טרעהרענדיגע בליקען.

פון דער שול און לערען־ביכער
ווערען קינדער, ווי פון רייפען
פעסט־געפאסטע אויפגעהאלטען,
אז דער ווייז פון זייער ליעבשאפט
זאל זיך אין די רייפען האלטען.

וואקסען אויס פון קלעם די קינדער —
ווערען רייפען ענג און פלאצען,
און דער זיסער וויין צוגיסט זיך.
ווי ס'צופליסט דער וויין אין טייכלאך,
אויך דער קינדער־וועג צופליסט זיך.

צו זיין היים און שוועל קומט יעדער,
און מען זוכט פון דארט די שפורען
פון די וועגען צו דערקענען,
וואו די עלטער־עלטער־זיידעס
דור נאך דור געגאנגען זענען.

זענען אלטע אלע שוועלן,
און מיט אלט־באקאנטע ווערטער
איז דער וועג פון זיי פארשריבן.
ניי און נאקעט אהן א צייכן
איז דער שוועל בלויז פון די זיבן.

בלאנדזשען אום אליין די זיבן
פון דעם שוועל צום שטילן גארטן —
אפשר האט איז גרינע גראזן
ווער עס איז אמאל א צייכן
פון א וועג פאר זיי געלאזן...

שטארבט דער פאטער — קומען פרעמדע,
און מיט קאלטע טרויער־בליקן
וויקלען זיי זיין לייב אין ווייסן,
און מיט שטומע ווערטער הייסט מען
מיט א ריס די לאצן רייסן.

וואס און ווער זענען די פרעמדע?
וואס און ווער זענען די מתים,
וואס באוואכט פון גרויע שטיינער,
אומפארשטענדליך־אויסגעקריצטע
פאנגען זיי דעם טאטנ'ס ביינער?

דאכט זיך, אז פון פעלד און קברים
קומען אז די פרעמדע שאטענס,
בלאנדזשען אום אין הויז אין טרויערן,
און מיט זיי דער מאמע'ס קלאגע
נאגען, בויערן דאס אויער.

פרעמד און קאלט און אונפארשטענדליך,
ווי עס וואלטען קאלטע ווינטען
פונ'ם הויז און שוועל פאריאגען.
וואלט ער שוין, דער ווינד, אינגאנצען
ערגעץ־וואו אוועקגעטראגען !

ווי די ווייטע ווינטען, יאגען
אויף דער טריקעניש די באהנען
און די שיפען אויף די ים'ען —
ווילען זיי די קינדער נעמען
און פארטראגען פון דער מאמען.

וואו עס קען א באהן דערגרייכען,
וואו עס קען א שיף דערשלאגען,
וואו עס קען א ווינד פארבלאזען —
אומעטום האבען די זיבען
זייער וואנדער־שפור געלאזען.

ווער ס'האט איבער ווייטע ים'ען
אויסגעגעסט פאר זיך א ווינקעל,
איז אין רוה זיך איינגעזעסען
און די שפראך פון הויז און גארטען
אין דער נייער היים פארגעסען.

ווער ס'קען אין דער פרעמד נישט נעסטען,
האט אין וואנדערן דורך יאהרען
יעדען וואונש און דראנג פארלארען
און ער וואגעלט דורך די יאהרען,
ווי א שטיין וואלט איהם געבארען.

טראגט זיך יעדער ווייט און איינזאם
איבער פרעמדע ים'ענס וועלען,
ווי א שיפעל אהן א רודער —
ווי נישט קיינעמ'ס קינד און שוועסטער,
ווי נישט קיינעמ'ס זוהן און ברודער,

שוועסטער, ברידער, זיהן און טעכטער
פאר אן אלטער מאמען אבער
ערגעץ אין דער פרעמד פארטריבען,
וואס באוויינט אין שטילען עלענד
איהרע לעבעדיגע זיבען.

3. דאָך איינמאָל...

דאָך איינמאָל דערווייסט מען זיך, וואו מען געהערט.
אַזוי ווי ס׳קומט מאַנען איהר אָטעם די ערד—
אַזוי קומט דער שטאָט אין דער רעכטער מינוט
צו מאַנען צוריק דאָס געשאַנקענע בלוט.
און ווי עס ענטפּלעקט זיך דער שטויב, וואָס געבערט
ענטפּלעקט זיך דער אָפּשטאָם, וואוהין מען געהערט.

פאַרענדער דאָס פּנים, פאַרהיל דאָס געשטאַלט,
פאַרבאַרג דיינע אויגען, דעם נאָמען באַהאַלט,
פאַרלייקען דעם טאַטען, זיין נאָט און געבאָט—
עס קומט צום בית־עלמין — און אויס איז דער סוד.
און זאָל זיין פון שטאָהל דיין באַהעלט׳ניש געבויט,
צושטערט עס און ווייזט דיך אַ הוילען דער טויט.

מענסט וואַנדערן יאָהרען וועלט איין און וועלט אויס —
דאָך ווען עס איז מוזסטו באַוואוינען אַ הויז,
אַ הויז, וואו באַשיצט און געזיכערט אין רוה
זאָל דיר דיינס געהערען און דו זאָלסט זיין דו.
און האָסטו ביים לעבען קיין הויז נישט געבויט—
צו דיר אין דיין היים וועט דיך ברענגען דער טויט.

4. דאָס ליעד פון די יתומים

וואו איז אונזער טאַטעג׳ס היים?
— אין אַ קאַלטער גרוב אין לייהם.
ווער איז אונזער טאַטעג׳ס פאָלק?
— מתים—די זיינען זיין פאָלק.

האט ער אפגעלעבט אַ וועלט
און קיין הויז נישט אויפגעשטעלט:
ווער עס רוהט אין קאַלטען גרוב,
דארף נישט אויף דער ערד קיין שטוב.

האט געוואנדערט אויף דער ערד
און צו קיינעם נישט געהערט:
די, וואס קענען זיינע זיין,
שלינגט זיי דער בית־עלמין איין.

אפען איז פאר אונז די טיר,
ערגעץ וואו דאַרף געהען מיר,
מיר, וואס זיינען קיינעמ׳ס נישט
און געהערען ערגעץ נישט.

מיר, וואס האבען נישט קיין לאנד
און מיט קיינעם נישט פארוואנדט —
ווערען מיר דאך פון דער ערד
מיט איהר לופט און שפייז גענעהרט.

ווי ס'איז איהר דאס גראז און בוים
און דער פויגעל אין דעם רוים —
גיבען מיר זיך איהר אוועק
אויף דעם לעבענ'ס וואגעל־טעג.

זאל זי טראגען וואו זי וויל,
אויב ס'איז נישט באשערט קיין ציעל,
אויב ס'איז נישט באשטימט קיין וועג,
האט דאך וואו די ערד א ברעג.

האט זי דאך נאך קאלטען לייהם
אויסצובעטען אונז א היים,
מיט דעם טאטענ'ס פאלק, וואס רוהט,
איינצושטילען אונז דאס בלוט.

5. צו לאָראַ׳ן

צי איז דען דאָ אַ לאַנד, וואָס דו האָסט נישט באַטראָטען?
צי איז דען דאָ אַ פאָלק, וואָס דו האָסט נישט דערקענט?
אויף אַלעברייטע וועגען וואַנדערט אום דיין שאָטען
און ס׳טראָגט אַרום דעם אַש פון דעם, וואָס דו האָסט פאַרברענט.

האָסט פאַר דעם פאַרבען־שפּיעל צו זעטיגען די אויגען
דאָס העלע ליכט פון זיי צו ביסלאַך אויסגעטיילט.
ס׳האָט יעדער דאָרן־בלום דיין שענקייט אויסגעזויגען.
און יעדער פרעמדער שטראָם דיין יוגענד אָפּגעשיילט.

דו האָסט אין בלינדער דורשט געוואָלט אַ וועלט פאַרצעהרען.
האָט זי דעם דורשט פון דיר צו ביסלאַך אויסגעטרונקען
און פרעמד געלאָזען דיך צו איהר און זיך אַליין.
אַזוי פאַרטיילט זיין ליכט אַ וואַנדערענדער שטערען.
ביז בלייך און איבעריג ווערט ער אין נאַכט פאַרזונקען
און פאַלט אין תהום אַריין, אַ קאַלטער, טויטער שטיין.

6. צו דעם...

צו דעם האט עס מיט יאהרען הונדערטער צוריק
א מזרח־פאלק פארלאזען זיינע בערג
און אויסגעוואנדערט אין דער פרעמדער קעלט. —
אז דו זאלסט אין דער קיהלער צפון־וויעג
א מזרח־טאכטער קומען אויף דער וועלט,
מיט אויגען סאמעט־שווארץ, און הויט, פארברענט פון זון,
און בלענדען מיט דער שענקייט פון די הייסע בערג,
נישט וויסענדיג דערפון?

צו דעם האט עס דורך צייטען בלוטענדיג
א פאלק די קינדער אויסגעוויעגט אין פיין
און אנגעזויגט מיט ביטערניש פון גאל. —
אז אומעט זאל פארוואלקענען דיין בליק,
און שאטענס זאלען איינהילען דעם שיין
פון שענקייט, ווי ס'הילט איין א מזרח־שאל.
און דו זאלסט צויבערען מיט אונזער צער, וואס שטומט,
נישט וויסענדיג פון וואנען ס'קומט?

צו דעם האָבן עס מאַמעס דורות־לאַנג אין קלעם
די מעכטער זייערע געשטיקט, און כשר־פרום
ביים שוועל נאָך זייער יוגענד אָפּגעמעקט, —
אַז דו זאָלסט שעהמעוודיג אַראָפּלאָזן די ברעם,
און רייצענדיג די לוסט, וואָס ד׳האָסט ערוועקט,
אַליין זיך שיצן מיט׳ן צוים פון יענעם קלעם,
נישט וויסענדיג פון דעם?

נישט וויסענדיג, אַז אַלץ, וואָס אין דיר ברענט,
איז פון די פייערן געוואָרען אויפגעשאַרט
דורך דורות פרעמדע הענט,
וואָס האָבן אויף אַ פּרייז דערפאַר געוואַרט.
אַז פון דיין שטילען טריט און ביז דיין אויגענשיין
איז גאַרנישט, גאַרנישט, גאַרנישט דיין,
נאָר האַב און גוטס פאַרשווענדט
פון די, וואָס דו האָסט קיינמאָל נישט געקענט.

זיי קענען קומען דאָך, אַ דורות־לאַנגע קייט
פון קינד און עלטערן, פון טויט און לעבעדיג,
פון לאַנד, וואו זון געהט אויף, ביז לאַנד, וואו זון פאַרגעהט,
און קומען פאָדערן דאָס זייערע צוריק.
און אויב זיי קומען נישט — קום איך אַליין צו דיר,
אַ ברודער און אַ זוהן פון דיר און זיי און מאַהן:
וואו האָסטו אונזער אַלעמענ׳ס ירושה הינגעטאָן?
וואָס ווילסטו ענטפערן און זאָגן מיר?

7. דער גורל

דאָס איז דער גורל פֿון וואַנדערער־בלוט.
פֿאַרטיק זײַן יעדערן יעדע מינוט
אָפּגעבען אַלץ פֿון׳ם קאָפּ ביז די שיך,
אַלץ, וואָס מען האָט נאָך געלאָזען אויף זיך.
בוימער פֿאַרפּלאָנצען מיט שאָטענס און פֿרוכט —
שויץ פֿאַר אַ פֿיינד, וואָס באַהעלטעניש זוכט.
שלעפּען, צונויפֿקלעפּען ציגעל און שטיין,
בויען אין שווייס, אום אין מיעדקייט צו געהן
זוכען אַ ווינקעל, וואו וואַנדערער־בלוט רוהט —
דאָס איז דער גורל פֿון וואַנדערער־בלוט.

זיינען די עלטערע קלוג און געשייט.
זאָגען זיי: אַלץ, ווי אַ שאָטען פֿאַרמיידט.
זאָגען: ס׳איז נאָר איבער נאַכט אַ געצעלט
איידער מען קומט אין דער אמת׳ער וועלט.
וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
ליגען פֿאַרגראָבען אין שטויב, ווי אַ שטיין.
זאָלען דיך אָנטרעטען פֿעסטער די פֿיס —
גרעסער וועט ווערען דער אָפּצאָהל און זיס.
שטאַרקער די קלעפּ — איז אַלץ ליעבער די רוט —
דאָס איז דער גורל פֿון וואַנדערער־בלוט.

נאַרישע קינדער באַגרייפן עס ניט.
מיינען — פאַר זיי האָט דער מאָרגן, וואָס גליהט
ווייט און אומענדליך די הימלען פאַרשפּרייט.
זוכן זיי דאָרט, וואו זיי האָבן פאַרזייהט,
אויפזאַמלען שפּעטער דאָס זעטיגע גאָלד,
מיינען — עס קומט זיי פאַר מיה דאָס געצאָהלט
גלייך :וי זיי וואָלטען פאַר זיך זיך געמיהט.
נאַרישע קינדער — באַגרייפן זיי ניט:
לייד איז דער אָפּצאָהל פאַר דעם, וואָס מען טוט —
דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.

ליידען און מיה איז דער אָפּצאָהל פאַר מיה.
ווילסטו ניט נידריגער בויגען די קניה,
ברעכט זיי נאָך שווערער צום באָדען די לאַסט,
שווערער וואָס מעהרער די לאַסט איז געהאַסט.
ווערט מען צוקרישעלט פון אייגענעם סם
גלייך ווי די שטיינדלאַך אין זאַלץ פונ'ם ים,
ווערט מען צומאַהלען, ווי זאַמד אויפ'ן ברעג,
ביז עס פאַרטראָגט אינ'ם אונרוה אַוועק
דעם, וואָס האָט קיינמאָל אין זיך נישט גערוהט —
דאָס איז דער גורל פון וואַנדערער־בלוט.

8. אז מען קען ניט צאהלען...

אז מען קען נישט צאהלען
פאר די קלעפ דעם שונא
מיט קיין קלעפ צוריק, —
טוט מען גריבער־פאסטקעס
אויף זיין וועג פארציהען
מיט א נעץ פון שטריק.

אז מען ווערט פאר׳הפקר׳ט
מיט׳ן לייב און לעבען
אהן א שאטען שוץ,
זוכט מען הינטער־וועגען
צו די פרעמדע טירען
און צו יענעמ׳ס גוטס.

ביי די הינטער־טירען
ווערט דאס קוקען קעציש
און דאס טרעטען שטיל,
און די כיטרע אויגען
איז דער פינסטער פיהרען
צו דעם שווינדעל־ציעל.

קרום און שטיל און גנב׳יש,
און ווען ס׳כאפט דער שונא
קריצט מען איין די ציינער,

און מען לאָזט די קינדער
שטיל און אונטערטעניג
איהם צו דינען געהן.

וואס דער טאַטע דרויסען
וועט נישט פאַנגען קענען
מיט זיין ביטערען בליק,
וועט דאָס קינד פאַרציהען
אין די טרייהייט־נעצען
מיט נקמה־שטריק.

און אויב טריי איז וועניג,
וועט עס קינדער האָבען
אויף דעם שונא׳ס בעט,
און דעם גיפט פאַרזייהען,
וואס דורך דור און דורות
איהם פאַר׳סם׳ען וועט.

אז מען קען ניט צאָהלען
פאַר די קלעפּ דעם שונא
לויט׳ן קלאַפּ־געזעץ, —
טוט מען גריבער גראָבען
און פאַרציהען נעצען
ביז ער פאַלט אין נעץ.

9. היינריך

I

שוין ביי פיערצעהן האט זיך הערשעל מיט א וועלט
און א שטורמיגער פארגאנגענהייט געשיידט.

הינטער איהם האט זיך א קינדהייט אפגעשטעלט.
ווינטער־אוועגדען, אין פינסטערניש פארשנייט.
ווען מען לאזט זיך געהן פון חדר מיט געזאנג,
און פון געסלאך, פון דער פינסטערניש ארויס.
קומען מענשען, שוין געשטארבענע פון לאנג,
און זיי שטרעקען פינגער ביינערדיגע אויס.
נעכט פאר'חלום'טע אין וואכענדיגען שלאף.
ערגעץ דארטען, אין א בערגיג־הייסען לאנד
פאשעט משה זיינע טשערעדעס מיט שאף.
אזא גרויסער מיט'ן שטעקען אין דער האנד,
און א בוים דאנעבען ברענט אליין און ער ברענט.
זאגט ער: יונגעלע, מיר מוזען לויפען שנעל
אפצונעמען אונזער פאלק פון פרעה'ס הענד.

נעמט מען לויפען, ביז מען קומט צו פרעה'ס שוועל,
זוכט ער משה'ן — און ער זעהט איהם שוין נישט מעהר.
דאך ווער שטעהט עס דארט פאר פרעה'ס טראן און רעדט?
ער אליין דאס רעדט, ווייל משה — דאס איז ער — — —
און ער גורעט זיך אלץ היציגער אין בעט.

אין די פרייע שבת־אווענדען און טעג
האט ער פליהען זיך געלאזען אין דער ווייט
ביז די ברעגען פון סמבטיון. דארט ביים ברעג
מיט די אויגען אלץ געזוכט אויף יענער זייט:
זאל זיך בלויז איין אידיש פנים דארטען זעהן
און דערנאך וועט ער שוין וויסען, וואס צו טאן.
זעהט זיך קיינער, ווי ס'וואלט קיינער נישט געווען,
זוכט ער — נישטערט — ביז די שבת'דיגע זון
הויב אן זינקען אין א וואלקען שווארצען רויך,
דאס צוגליהט מען שוין דעם פעך אויף יענער וועלט.
שטיינער פליהען פון סמבטיון בערגער־הויך
און דער וועג צו יענער זייט איז שוין פארשטעלט.

נעבען טייכעל האט ער שטיינדלאך אפגעזוכט
צו פארמעסטען זיך מיט זיי אין פלשתי'ס קאפ.
האט פון זאמד־בערגעל די זינדיגע געפלוכט,
און געזעהען זיי, ווי די שערבלאך פונ'ם טאפ,
וואס די שכנה האט געלאזען צווישען טיסט.

פון דעם פלויט ביי דער בית־מדרש׳דיגער וואנד
האט ער צוגעזעהן די שטאדט, וואס איז פארוויסט.
און געשווארען: זאל איהם אפדארען די האנד,
אויב ער וועט אין איהר פארגעסען ווען עס איז.
ער וועט אנקומען, פארפאנצערט, ווי א ריז
מיט די טויזענדער חיילות אנגעגרייט,
וועט ארויסציהען זיין דאפעל־שווערד פון שייד.
און צום רופען פון זיין דונערדיגער שטים
וועט זיין חיל זיך פארזאמלען הינטער איהם,
און דער ערשטער אויף זיין קאבעדיגען פערד
וועט ער אנקומען צוריק אויף יענער ערד.

II

נאר ווען הערשעל איז געווארען פיערצעהן אלט,
און ביים זוים פון א שווארץ־נארעלדיגען וואלד
זיך באגעגענט מיט׳ן יענער־פירשט אלעג, —
האט פארשיעדען זיך אוועקגעקערט זיין וועג.

ס׳איז דארט ווילד געווען און סודות׳דיג די ערד,
און, אין שאטענס פון די בוימער איינגעהילט,
האט א פאלק זיך פון די רויב־חיות גענעהרט
און ווי רויב־חיות געוואנדערט, פריי און ווילד.
האבען פרעדיגער פון וועלדער־פאלק דערהערט

און זיי ציהען זיך אהין פון לאנד און שטאדט.
יעדער איינער צו באזארגען זיי באגעהרט
מיט א מילדערען און היימליבערען גאט —
ציטערט הערשעל, און עס טוט איהם אזוי באנג:
ווען זיין פרעדיגער לאזט־נאך א פאר געבאט,
וואלטען יענע, וואס ער חבר'ט זיך מיט זיי,
נישט געטריבען דאך אצינד פון איהם קיין שפאט.

ס'האט וולאדימיר הערשעל'ס גלויבען נישט געוואלט.
דאך, ווען ס'האבען זיינע אייניקלאך דערנאך
צו די טאטערן געמוזט מיט זעקלאך גאלד
קומען אויסבעטען א מילדערונג אין יאך, —
האט עס הערשל'ען קיין נקמה נישט געקיהלט.
גאר פארקעהרט: ס'האט איהם באנומען זייער פיין,
און ער האט אין זיך באשיינפערליך דערפיהלט,
אז פון היינט אן דארף זיין נאמען — גענריך זיין.

זאל דער טאטע איהם באטראכטען, ווי אויפ'ס ניי.
זאל איהם אנקומען די מאמע: גענריך גאר?!
דורות יאגען זיך פאר גענריך'ען פארביי
און ער וואקסט מיט זיי און פיהלט מיט יעדען דור,
אז די וועלט זיינע צושפרייט זיך וואס אמאל
איבער פעלדער, איבער ווילדערניש און טאל,
איבער וואסער'ן און סטעפעס אהן א ברעג

שוועבט זיין יוגענד א באפליגעלטע ארום,
און אט ווארטעו שוין די וואונדערליכע טעג,
ווען זי נעמט איהם ביי דעם אָרעם: גענריך, קום!
מען איהם נאכקומען די מאמע מיט א טרער
און דער טאטע מיט די וואנסעס אין די ציין —
וואס באדייטען טאטע־מאמע דען, ווען ער
דארף אין שטרייט פאר זיינע מיטליידענדע געהן?

יא, דאס פאלק, וואס פון די וועלדער, ווערט נישט מעהר
פון די טאטערן אין יאך אריין געשפאנט.
זייער וועהטאג, זייער שרעק און זייער טרער
איז ביי איינענע באדריקער אין דער האנד,
און ווי ס'בויגען זיך די זאנגען אין דער סטעפ
און זיי ציטערן און ווארטען אויפ'ן שניט, —
אזוי בויגען זיך, דערשלאגענע, די קעפ
פון דעם פאלק, וואס איז נישט זיכער מיט זיין טריט.
איז נישט גענריך א דערשלאגענער, ווי זיי?
האט דען גענריך'ן נישט זייער ערד געשפייזט?
קאן ער צוהערען גלייכגילטיג דעם געשריי
פון זיין פאלק, וואס אין די פינסטערנישען שפרייזט.
גענריך ווייס אצינד, ווער ס'האט אויף איהם דאס רעכט
אזוי לאנג, ווי ס'איז דאס בלוט אין איהם נאך רויט.
איהם אוועקגענומען פון בלוטיגען געפעכט
וועט נאר איינער — דער מארטירער טויט.

III

נישט באשערט געווען איז גענריך׳ן דער וועג
אין דער פינסטערניש אריין און צו דער שלאכט.
ס׳האט מיט שרעק פון דארט געטריבן, און די שרעק
האט צוריק אין טאטענ׳ס הויז אריין געבראכט.
און ווען ס׳האט אפילו דארט איהם נאכגעיאגט, —
דאן האט גענריך, ווי א גוט געהארכזאם קינד,
שטיל געטאן דאס, וואס דער טאטע האט געזאגט,
און די היים זיינע פארלאזען אויף געשווינד:

יאגט די באהן דורך נייע פעלדער, וואלד און טייך,
אזוי ציכטיג, אזוי שעהן און אויפגערוימט
יעדער שטעגעל, ווי געצירקעלט, שפרייט זיך גלייך,
יעדער וואסער, ווי פון גלאז געגאסען שטראמט.
און די שטאדט, וואוהין ס׳האט גענריך׳ן געבראכט,
בלאנקט און שימערט, ווי א יום־טוב, און איהר שיין
פאלט אריין מיט טויזענד ליכטער אין דער נאכט,
און זי היט איהם ביז אין ווייסען טאג אריין.
קומט דער אווענד מיט די פריינד, נאר וואס דערקאנט,
איז דאס ביער, ווי גאלד, און זילבער איז דער שוים,
און ווי גאלד זיינען די מיידעל־קעפלאך בלאנד,
בלאנד און שמייכלענדיג און לוסטיג, ווי א טרוים.

— דו ווי הייסטו ? — היינריך היים איך ? — היינריך נאר ?
א, דו שעהנער, ס'ארא שעהנעם נאמען דו האסט ! —
און זיי קרויזלען איהם די קרויזעלדיגע האר
ביז די לעצטע זייער לוסטיגקייט פארלאזט.

— היינריך, היינריך ! ווי באצויבערענד עס קלינגט !
אינ'ם דרימעל פאר די אויגען געהט פארביי,
בלייך און שמייכלענד, יענער היינריך, וועלכער זינגט
פון די נעצען, וואס די בלאנדע לארעליי
שפרייט פאנאנדער ביי די וואסערן פון רהיין,
פון דער שעהנקייט פון זיין שטיף־מוטערשען לאנד,
פון זיין בענקשאפט און באהאלטענעם געוויין.
איהם פארבייטען קומט דער שטארקער פערדינאנד
מיט די טויזענדער פון פארשטאדט און פאבריק,
וועלכע שטראמען, ווי א שטורעמדיגער טייך,
און ער רופט צו זיי: ס'איז אייערס אייער גליק,
און די וועלט ארום און אלץ געהערט צו אייך.
נאכדעם ציהען זיך אין שורות, שורות לאנג
שטרענגע פנים'ער און אויגען אנגעשטעלט.
יעדער איינער טראגט אנטקעגען זיין געדאנק
פון א וועלט און באוועלטיגען א וועלט —
און פון טראכטען און פון שטרייטען און געזאנג
ברענגען היינריך'ן די ליפען אין באגעהר
ווי אמאל צו זאגען ברכות מיט א דאנק
צו דעם גאט, וואס האט זיין טריט געווענדעט אחער.

שטאהל און אייזען! בוך און ליעדער! ווארט און שטרייט!
אין דעם שטרייט פון שטאהל און האמער אויסגעשמידט
ווערען בריקען פאר דאס גליק, וואס קומט פון ווייט —
פיהלט עס היינריך און ער הערט אויף יעדען טריט,
ווי דער האמער מיט זיין קלינגען מאַנט און רופט:
היינריך, היינריך, קום אנטקעגען, קעמף דיין קריג!
הילכט אין קאמפען־רוף די קלינגענדיגע לופט,
א באפרייאונג פון א מענשהייט און איהר גליק
האט זיך היינריך׳ן אין קאמפען־רוף דערהערט
אט־וואו ס׳איז פאר איהם דאס לעבענסציעל באשערט!

יא, ס׳איז וואהר. עס האט דאס שלאכטעפלד — די פאבריק
נישט געעפענט נאך פאר היינריך׳ן די טיר,
און די פרייהייט פון דער מענשהייט און איהר גליק
האט געשפינט זיך בלויז פאר איהם, ביים גלעזעל ביער,
צווישען שטרייטער, יונג און מוטיגע, ווי ער,
וואס די הים האט מיט איהר קעלט פאריאגט אהער.
אבער ס׳איז דאך נאר דער ערשטער טריט געווען
אויף די וועגען צו אן אייביגקייט צו געהן!...
וויט אנטקעגען האט דער מארגען שוין געבלייכט
מיט אן אנזאג אויף די קומענדיגע טעג.
ווער קען וויסען, וואו ס׳וואלט היינריך נישט דערגרייכט,
ווען א שטערונג זאל נישט קומען אין זיין וועג.

יענע שטערונג, וועלכע לילית שיקט אראפ
אויסצוראטעו די באזיגער אלע מאל,
און פארשווינדלענדיג מיט ליעבע זיי דעם קאפ
זיי פארפיהרעו אינ׳ם זינקענדיגעו טאל.

IV

ס׳האט אין היינריך׳ן די יוגענד אויפגעברויזט,
און די שטערונג האט פארמאגט אזוי פיעל חן
אין דעם קאפ מיט שווארצע לאקען אומגעקרויזט,
אז ס׳איז היינריך נישט דער איינציגער געווען
זיך צו הויבען א צומישטער פונ׳ם ארט,
ווען אין אווענד־קרייז, אין חבר׳שען געשפרעך
האט זי פארזיכטיג אראפגעלאזט א ווארט
און באגלייט עס מיט די אויגען, שווארץ ווי פעך.
און ווען שטיל פון אלע אנדערע פון קרייז
האט אויף היינריך׳ן זיך אפגעשטעלט איהר בליק,
האט זיין הארץ איהם זיך דערוועקט מיט אזא פלייס,
ווי ס׳וואלט קלייבען זיך ארויסשפרינגען פון גליק.

יעדען אווענד ביז צום טויער זי באגלייט
און אליין געלאזט זיך וואנדלען אין דער נאכט.
יעדער טאג האט פאר דער איינגעצאמטער פרייד
נייע ווערטער צום ארויספראלען געבראכט.

און אין פינסטערער געדיכטעניש פון פארק
האט די וועלט מיט אזא לויטערקייט געשיינט,
אז גערעכט האט זיך: ווער איז דען אזוי שטארק
זיך צו שטעלען געגען הייגריך'ן אלס פיינד?
ווער וועט וואגען געהן פארמעסטען זיך מיט איהם?
און אמאל אין שאטען־קיהלען אווענד־רויט
האט איהם פליסטערענדיג ארומגעהאלזט איהר שטים
און זי האט איהם איהרע ליידען אנפארטרויט:
— ווייס ער דען, אז ס'איז א לאנד אזא פאראן,
וועלכע שונאים האבען שטיקערווייז צופליקט?
ווייס ער דען, אז ס'געהט א פאלק א גאנץ אין שפאן
אויף דער ערד זיינער פון פרעמדע אונטערדריקט?
און פארשטעהט ער שוין איהר אומעט און איהר פיין —
אזוי שטארק און אזוי מענשליך ווי ער איז?
הענריק ליעבער, גוטער הענריק, אדלער מיין —
איז דער זיג מיט מיר אינאיינעם דיר ניט זיס?
שטיל דער פליסטער, בויגט זיך נעהנטער איהר געזיכט,
און א שאטען פון די ברעמען איהרע פאלט,
ווי ביי מאמעס, ווען ביים בענטשען שבת־ליכט,
האלב־פארשלאסען, דאך דאס אויג מיט ליעבע שטראהלט.

האט די מענשהייט נישט קיין פארשטרייטער גענוג
זי א זיבערע צו ברייגגען צו איהר צוועק?
ווער קאן אנרופען דעם שריט זיינעם באטרוג,
ווען ער שטעלט זיך מיט די ליידענדסטע אוועק?

מיט די ליידענדסטע, פארוואגעלט אין דער פרעמד,
אויסצו׳חלום׳ען דאס גליק פון זייער היים,
גרייט מיט יענעם זיך צו טיילען ביז׳ן העמד,
ווער ס׳באהעפט זיך אינ׳ם טרוים פון זיי געהיים.
ניי דער קרייז און פריש די שפראך, נאר וואס דערהערט,
ס׳בינדט זיך ענג אבער דאס חבר׳שע געזינד,
און דער נאמען : הענריק, הענריק — דאכט זיך ווערט
גלייך פון ליידען און פון האפנונגען געשפינט.
ווי מיט שטאלץ אויף איהם ווערט לויטערער איהר בליק!
הענריק — דא און הענריק — דען און הענריק — דארט,
אומעטום איז הענריק פלייסיג און געשיקט,
און אהן הענריק׳ן קיין שטויבעל נישט פון ארט.
און אט קומט פאר איהם די זיגרייכע מינוט :
ס׳איז פאר איינעם פון די הערשער פונ׳ם לאנד
צייט געפאלען צו באצאהלען מיט זיין בלוט.
ווער זאל שטראפען, אויב ניט הענריק׳ס שטארקע האנד?
הענריק הערט און קוים ער פלאטערט, שטום און בלייך,
הערצער קלאפען, בליקען שטעכען איהם פארגאפט,
און א שטימע, צארט און בויגיג, האלזט איהם ווייך :
— זעה, דעם כבוד, וואס ווערט מיר און דיר פארשאפט!
ענטפער, הענריק... דאנק זיי, ליעבער... זאג זיי... רעד! —
קוים ער מורמעלט : נאך נישט צייט, חברים, ניין...
פאלען שטימען : פאר חרטה איז שוין שפעט!
און פארדומפען קלינגט זיין ענטפער : כ׳וועל נישט געהן...

שטיל און טויטליך, און אַ ברומען זיך דערוועקט:
— זאָל ער גערן פון דאַנען, שנעלער זאָל ער גערן!
און דעם פּנים מיט די קרויזען שוואַרץ פאַרדעקט,
פלאַטערט איינע אין אַ יאָמערליך געוויין.

V

אפשר ווייסט איהר פון אַ פאָלק וואו, גוטע לייט,
אנצושליסען זיך פאַר איינעם, וואָס באַגעהרט
פאַר גערעכטיגקייט אין ריטערליכען שטרייט
מיט'ן בלוט פון האַרץ באַפּרוכפּערען די ערד?
דאַך אַ ווינקעל פאַר אַ שטרייטער־גייסט, וואָס קוועלט,
וועט זיך אַלע מאָל געפינען מן הסתם.
און אויב הײמליכקייט פעהלט אויס אויף איין זייט וועלט,
געהט מען זוכען זי אויף יענער זייט פון ים.
שוויינקט דאָס זאַלץ פון ים אַראָפּ די אַלטע זינד,
ניי־געבאָרען גיט עס אָפּ דער נייער ערד,
לויפען יאָהרען אין דער נייאיגקייט געשווינד,
און פון הערשעל־גענריך־היינריך — אוירווינג ווערט.

הערשעל־גענריך־היינריך־הענריק — אוירווינג איז.
טראָגט אַ העמדעל פון געקעסטעלט־ראָזען זייד,
אויפ'ן קייטעלע פון זייגער — זיין דעוויז,
אויף דער לאַץ די פּאַהן פון שפּאַנגעל־נייעם שטרייט.

איהם פאראויס מיט פלינקע פליגעל פליהט זיין רוהם:
ר׳ האט געשטריטען און געקעמפט אין יעדען לאנד,
איהם באגלייטען געהען קלאנגען אומעטום:
זיינע מעשים זיינען גאר דער וועלט באקאנט.
בויט זיין רוהם פאר איהם א הויז אין מילדער רוה,
ווערט ער הייסער נאך באגייסטערט פאר זיין ציעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז דאס אלץ שוין? ווער קאן וויסען, ווען און וואו
ס׳וועט א שטרייטער פיהרען ווייטער יענע שפיעל,
וואס דער אויבערשטער אין פאטערליכען גנאד
האט זיך אויסדערוועהלט צו שפיעלען מיט דער וועלט.
ערגעץ האט זיין ליעבער נאמען אזא ראד,
און ווען עפעס אויף דער וועלט איהם נישט געפעהלט,
גיט ער בלויז מיט איהר א דרעה — און מיט אמאל,
ווערט מי יחיה און מי ימות אויסגעמישט,
ווערט א טאל אין בארג פארוואנדעלט, בארג אין טאל,
ווערען פעלקער, ריזען־בערגער, אפגעווישט,
ווערען שטויבלאך פון די גאסען אויפגעריכט,
און וואס נעכטען איז געלעגען נאך אין מיסט,
לאזט פון פינסטער זיך ארויסגעהן אויף דער ליכט,
און עס ליארעמט: „וועלט פון יושר, זיי געגריסט!“
קענט איהר גלויבען, אז דאס ריטערליכע בלוט,
וואס האט לעבען־לאנג אין היינריך׳ן געברויזט,
וועט איהם לאזען בלייבען שטיל אין א מינוט,

ווען די לופט אליין צו העלדישקייטען שטויסט?
קען דען זיין, אז ער, פון אלע הונדערט איינס,
וועלכעווארטען אויף זיין הילף צו ווערען פריי,
זאל נישט ראטעווערן א פעלקעל באטש א קליינס,
און פארוואס נישט טאקי צוויי און אפשר דריי?
זיכער יא! און אויב פון ערגעץ וואו דערגעהט
קלינג און קלאנגענדיג א נאמען אונבאקאנט, —
ווייסט אויף זיכער — דאס האט היינריך זיך באקליידט
מיט א שפאגעל נייעם קלייד אין נייעם לאנד.
נאט האט יעדען זיין באדערפניש באשעהרט,
פאר דער שפיז, ווי פאר דעם עלפאנט גלייך געזארגט:
כל זמן ס'לעבט נאך וואו א פעלקעל אויף דער ערד,
ועט שוין היינריך זיי מיט נעמענער באזארגט.

10. אין האטעלען

אין האטעלען לעבען זיי.
פרעג: פארוואס? — פארטייטשען זיי:
— אונזער איז די גאנצע וועלט.
בויט מען ערגעץ קיין געצעלט,
ווייל די גאנצע גרויסע ערד
האט קיין ווינקעל זיי באשעהרט.
וואנדערט מען פון לאנד אין לאנד.

וואו ס'האט נאר א מענשענ'ס האנד
שטערט און וועגען אויסגעבויט,
שפּייזט מען זיך מיט פרעמדען ברויט,
טרינקט מען פון דעם פרעמדען וויין
ביז אין צווייטען לאנד אריין.

ס'ווערט פון פרעמדע הענד געבעט
צום געלעגער זיי דאס בעט.
ווער עס טיילט דאס בעט מיט זיי,
איז פון נעכטען נישט מיט זיי,
און וועט מארגען אויך נישט זיין.
נאר ביים פרעמדען טיש און וויין
קויפט מען זיך די ליעבע איין
פאר א ווייל און פאר שעה
נעכטען דארט און מארגען דא.

ריידען זיי אויף יעדער שפּראך,
האנדלען זיי מיט יעדער זאך.
וואו א מארק און א געשריי —
אומעטום איז פול מיט זיי.
וואס געקויפט — איז נישט פאר זיך,
נאר פארהאנדעלט, און אויף גיך,
ביז די שיין פון טאג פארגעהט
איז אנ'אנדער האנדעל גרייט.

בלייבט מען מיעד וואו אויף אנ׳אָרט,
נעמט מען זיך אַ ווייב פון דאָרט.
ביז עס ווייגט אַרוים דאָס קינד
יאָגט מען ווייטער מיט׳ן ווינד
ערגעץ וואו פאַר טויזענד מייל
אויף אַ נייער קורצער ווייל.
רעדט דאָס קינד אַרוים אַ וואָרט
אויף דער שפּראַך פון יענעם אָרט,
ווייסט מען נישט, אויב מאָרגען וועט
זיין די זעלבע שפּראַך גערעדט.
געהט עס מיטביים טאַטענ׳ס האַנד:
ערגעץ נישט אין טאַטענ׳ס לאַנד,
ערגעץ נישט דעם טאַטענ׳ס דאַך,
ערגעץ נישט דעם טאַטענ׳ס שפּראַך.

טרעפט דער טויט זיי, פריה צי שפּעט,
ערגעץ אויף אַ פרעמדער בעט.
נישט די זיידעס רוהען דאָ,
נישט דאָס קינד וועט ליגען דאָ.
ווערט פאַר זיי דער טויטער שוועל,
ווי אַ צימער אין האָטעל.
בלייבט אַליין דאָס קאַלטע ביין
אונטער דעם געקריצטען שטיין.
קיינער וועט צו איהם נישט געהן

פרעגעז: ווער איז דאס געווען?
ווער עס האט א היים, פארגעסט
פון האטעל די פרעמדע געסט,
און דער הויף פון זיי פארשווינדט
מיט׳ן רויך און מיט׳ן ווינט.

11. פאר וואס און פאר ווען?

שען יונגעל, וואויל יונגעל, קום נעהענטער צו מיר.
דער טאטע וועט ברייגגען א פעסעלע ביער,
די מאמע וועט אנשטעלען פלעשלאך מיט וויין,
ווי גאר די משפחה זאל דארפען דא זיין.
דאך קומען צו ווינשען א מזל׳דיג יאהר
און זיצעןביים טיש וועלען איינציגע נאר.
די געסט וועלען עסען און טרינקען צו זאט,
נאר זיצען באזונדער וועט יעדערענ׳ס צד:
דער מאמע׳ס — מיט איהר, און דעם טאטענ׳ס — פאר זיך,
ווי זיי וואלטען וועלען אנטלויפען אויף גיך.
פאר וואס און פאר ווען זאל עס דען אזוי זיין?
אזוי און אזוי איז עס, יונגעלע מיין!

דאס יונגעל וועט האבען חברים א סך,
א לויף און א לערן, א שטיף און א לאך.

ביז איינמאל וועט זאגען א חבר איהם: הער!
מיר ווייסען דאך אלץ נישט, וואס ביסטו און ווער?
וועט איינער א פרעג טאן און אנדערע באלד,
זיי וועלען זיך איינציגווייז אפרוקען קאלט.
וועט קומען דאס יונגעל צולויפען פארוויינט:
וואס האט זייער פרעגען און ברגז געמיינט?
וועט שווייגען די מאמע און קוקען ארום,
וועט שווייגען דער טאטע פארצארענט און שטום...
פאר וואס און פאר ווען זאל עס דען אזוי זיין?
אזוי און אזוי איז עס, יונגעלע מיין!

פון יונגעל וואקסט אויס א געראטענער יונג,
בא'חנ'ט און געלערנט און פלינק אויף דער צונג.
איז — ווערט ער פון מיידלאך געליעבט אלערליי,
געליעבט — און ער קלייבט אויס די שענסטע פון זיי.
און געהט אום שפאצירען וואך איין און וואך אויס
ביז וואנען ער קומט אין איהר עלטערנ'ס הויז.
דאך מארגען באגעגענט זי איהם מיט א טרער:
מיין טאטע — ער לאזט מיר נישט זעהען דיך מעהר.
וועט זוכען דער יונג ביי א צווייטער זיין גליק,
ביז וואנען עס שיקט איהם איהר מאמע צוריק — — —
פאר וואס און פאר ווען זאל עס דען אזוי זיין?
אזוי און אזוי איז עס, יונגעלע מיין!

דאן געהט ער אהין וואו מען ווייסט נישט קיין צאם
פאר שטאנד און געבוירען, פאר גלויבען און שטאם.
ביז איינמאל זיין יונגעל, ווי יונגעלווייז ער,
קומט פרעגען: זאג, טאטע, וואס בין איך און ווער?
באהאלט זיין געליעבטע איהר קאפ אין געוויין.
און ער שפרייזט אום צארניג און קריצט מיט די ציינ
און קוקט אויפ'ן קינד אהן אן ענטפער און שעלט
דאס מזל, וואס האט איהם געבראכט אויף דער וועלט.
דאס מזל, וואס שטעהט מיט די הענט אויסגעשטרעקט
און פרעגט אהן אנ'אויפהער, און פרעגט אלץ און פרעגט
פאר וואס און פאר ווען זאל עס אזוי זיין?
אזוי און אזוי איז עס, יונגעלע מיין.

12. דער שענער יונג

שען געבוים און שען געוואקסען
און די ארעמס פעסט, ווי בויגען,
און מיט פונקען פול די אויגען —
זאג, וואס פעהלט דיר דען?

— עפעס פעהלט מיר! עפעס פעהלט מיר!
דאכט מיר, ווי ס'וואלט ווער געקומען
עפעס ביי מיר צוצוגענומען,
כ'ווייס נישט ווער און ווען.

— ברענגען ראָך די יונגע אויגען
אין דעם קאָפּ מיט שוואַרצע קרויזען,
ווי עס וואָלטען קוואַלען ברויזען
פון דיין בליק אַרויס.

— און עס ציהט מיך אַלץ אַרונטער
ווי אַ ליעבען שוים צו האָבען
און די אויגען איינצוגראָבען
אין דעם ליעבען שוים.

— ליעבער שוים און בליקען מילדע.
איז דיר לוסט און ליעבע ווייניג?
דאַכט זיך, ווי אַ יונגער קעניג
שפּרייזסטו צווישען זיי.

— ווי אַ קעניג וואָס האָט גאָרנישט
האָב איך גאָר נישט זיי צו געבען
פאַר'ן גליק פון זייער לעבען
און דער פרייד פון זיי.

— וועסט פאַר זיך אַ הויז אויסבויען:
און אין שיין פון היימיש פייער
וועט דיין ליעבער, זים און טייער
יעדער ווינקעל זיין.

— פול וועט יעדער ווינקעל ווערען
מיט פאר געלד געקויפטע זאכען
און עס וועט דיר ליעב נישט מאכען
דאס, וואס איז נישט דיין.

— וועט זי קינדער דיר געבוירען
און ס'וועט הארציגער פארקניפען
אייך דער מורמעל פון די ליפען
פון די קינדער קליין.

— כ'בין אליין א קינד אין עלענד,
און וואס האב איך דען פאר קינדער
ווען איך בלאנדזשע ווי א בלינדער
אין דער וועלט אליין?

13. א פאר פאלק

האט זיך א פארעל פאר זיך
איינזאם געלעבט אויף דער וועלט.
זי האט געזארגט פאר דער קיך,
ער האט געזארגט פאר'ן געלט.

זי האט ביים טאטען געקענט
זמירות פון פרייטאג פארנאכט.
ער — צווישען קלויסטערשע ווענט
האט ביז צו זעכצעהן פארבראכט.

קאכט זי דאס עסען און ברומט
זמירות פון היימישען טיש.
ער, ווען דער דאנערשטאג קומט
ברייננט איהר אויף מארגען די פיש.

ער זאגט: שוין יאהרצייט די וואך,
האסט דאך קיין קדיש נאך ניט.
דאכט זיך, עס קומט עפעס נאך
פון פאר א יאהרען דעם איד.

זי זאגט: עס וואלט שוין דיר צייט
קויפען א מאנטעל געווען.
זונטאג אין קירך צווישען לייט
פשוט א חרפה צו געהן.

געהט ער אין קירך ווען ניט איז,
בלייבט אין א ווינקעל פאר זיך.
טראכט: ס'מוז איהר שווער זיין געוויס
נעבעך אליין דארט אין קיך.

זי, ווען יום כפור פון שול
מיד און אז עלענדע געהט,
ווייסט זי — עס ווארט שוין איהר שטוהל
נעבען דעם עסען געגרייט.

שפּאַרט זי אַפּ גראַשענס אַ פּאָר,
קלייבט ערגעץ וואו אין געשיר;
ס׳ברעכט איהם די מיה וואָס אַ יאָהר,
און ווי לאַנג נאָך איז דער שיער?

קומט ער אַמאָל און ווערט קראַנק,
רעדט פון געלעגער צו איהר;
כ׳האָב שוין צו לעבען ניט לאַנג...
אָפּגעשפּאָרט עפּעס פאַר דיר...

זאָגט זי: ניט רייד מעהר דערפון,
איך דאַרף ניט האָבען קיין געלט.
כ׳האָב ניט אָהן דיר וואָס צו טאָן
איינע אַליין אויף דער וועלט.

שטאַרבט ער. באַגלייטען פון שטוב
עטליכע פרעמדע זיין וועג,
גראָבט מען ביים פּאַרקאַן אַ גרוב,
שטעלט מען אַ צלם אַוועק.

יאָמערט זי שטיל, ווי אַ קינד,
בלייבט ביי זיין בעט איבער נאַכט.
ווער ס׳קומט אויף מאָרגען — געפינט —
זי האָט די אויגען פאַרמאַכט.

ט

קומען באַגלייטען פון שטוב
עטליכע פרעמדע איהר וועג,
גראָבט מען ביים פאַרקאַן אַ גרוב,
שטעלט מען אַ ברעטעל אוועק.

רוהען זיך אַלטינקע צוויי,
יעדער פאַר זיך אויף זיין פעלד,
רוהען זיך אַלטינקע צוויי,
עלענדע צוויי אויף דער וועלט.

14. בלעטער פאַלען

בלעטער פאַלען, מידע פאַלען,
וואַקלען זיך אין בלאַסע שטראַהלען,
ציטערן אין קיהלע ווינטען
און אין גראַהער וויים פאַרשווינדען.

גראַהער — וויימער, פריהער — שפּעטער
וועלען נאַכגעבען די בלעטער
און פאַרפּלאָנטערן זיך לייכטער
אין דער וויגט־כוואַליע, דער פייכטער.

ווערען אויסגעהן מיט א ציטער
אין דעם ביטערן געוויטער
און די ערד מיט געל באפלעקען,
ביז דער שניי וועט זיי פארדעקען.

בלעטער פאלען, מידע פאלען,
וואקלען זיך אין בלאסע שטראהלען,
ציטערן אין קיהלע ווינטען
און אין גראהער ווייט פארשווינדען.

15. עס איז געווען אמאל...

נישט רייד שוין מעהר אצינד, לאז דיינע שוואכע ארעמס
אין שאטען פונ'ם לאמפ אראפ אויפ'ן געלעגער.
גיב דיינע אויגען רוה. עס האט דאס ליעד פון עלענד
זיך איבער דיר פארשפרייט און רערט פון דיינעט וועגען.

עס איז געווען אמאל א קינד מיט שווארצע אויגען.
זי האט געשטיפט בייטאג און זיך געשפיעלט אין אווענד,
און מיט דער זיסער נאכט האט זי די אם ביים הענטעל
צום בעטעל צוגעפיהרט און איינגעדעקט צום שלאפען.
עס האט נעפאלגט דאס קינד, זיך טיפער איינגענורעט,
נאר פון באהעלטעניש געקוקט, ווי אויף די קניהען

בלייבט שטעהן די אם אין ווינקעל פונ׳ם צימער
און עפּעס בעט זי שטיל און קלאָגט זיך אוים פאַר וועמען.
צו וועמען רעדט אַז אם? פאַר וועמען וויינט אַן אַלטע?
כ׳צוגעהט דאָס הארץ פון קינד, נאַר שרעק פאַרשטיקט די טרערען,—
און אין דעם לעמפּעלם שיין, און אין דער אַלטער׳ס וויינען,
געדענקסטו נישט דאָס ליעד פון שטומען עלענד?

עס איז געווען אמאָל א שטיפערקע א מיידעל.
דער שוואַרצער קרויזען־קאָפּ אין טונקעל־רויטען שלייפעל,
און יעדע בויגען־ברעם באוואַכט א אויג א שוואַרצען,
וואָס פינקעלט מיידעלש־קלוג און שטיפעריש פאַרפיהרט עס.
זעה, וויפיעל חבר׳טעס און וויפיעל יונגע זיפצער
באַגריסען זי אין גאַס, און ווי דער קרייז פון ליעבשאַפט
צובריימערט זיך אַרום איהר שפּיעלענדען געלעכטער.
א צעהנדליג הענד געזעגענט זי ביים טויער,
נאָר אַט פאַרמאַכט זיך פויל די טיר פון ווייסען צימער,
און ביי דעם בלאַסען שיין פון דרויסענדיגען לעמפּעל
ביים פענסטער בלייבט זי שטעהן געבויגען, און די צייהנדלאָך,
די ווייסע צייהנדלאָך בייסען שטום די ליפּען.
צו וואָס? וואוהין? און עפּעס נאַגט און מאַטערט,
און ס׳ווילט זיך געהן צו עמיצען, און אויף די קניהען
פאַר וועמען פאַלען און זיך צוטוליען אין ליעבשאַפט.
אין שטילער פינסטערקייט, ביים בלאַסען שיין פון דרויסען
געדענקסטו נישט דאָס ליעד פון שטומען עלענד?

עס איז געווען אמאל אין זומער־בליה א טאכטער.
דער זאנפטער טראט איהרער און מאטער גלאנץ פון אויגען
האט ליעבע צוגעזאגט. און ס'איז איהר העלער צימער
מיט בלומען פול געווען פון פרייד און גליק־באגעהרער.
נאר ס'האט איהר מאטער בליק שוין אויסדערוועהלט איהר ליעבע.
כ'האט שוין איהר יונגע פרייד געבליהט אין זיינע ארעמס
און זי האט שטאלץ געשפרייזט, ווי סשפרייזט א יונגע הארין
דעם וועג, וואס פיהרט צום שלאס פון הערשער און באשערטען.
ביז ס'האט פון ווייטען זיך דער שלאנקער שפיץ דערהויבען
פון הויכען קירכען־טורם. און זאנפטיג צו איהר אויער
האט זיך זיין קול גענויגט: באלד וועט דער ארגעל שפיעלען
און ברייט און פייערליך דיר אנזאגען דעם אפצאהל.
נאר עפעס האט זיך שטום אין הארצען אפגעריסען.
און ביי די מארמאר־טרעפ, וואס פיהרען צום אריינגאנג,
האט זיך איהר קול פארשטיקט: — איך וועל אהין נישט קומען!
— האסטו אנ'אנדער גאט, וואס שטעהט פאר דיינע אויגען?
— איך האב נישט קיין שום גאט! איך וועל אהין נישט קומען. —
ביים שוועל פון איינגאנג־טיר האט זיך די האנד פארלארען.
דער ארגעל האט געשפיעלט, געקלונגען פון דער ווייטען.
און אין דעם ווייטען קלאנג פון פרעמדען ארגעל שפיעלען —
געדענקסטו נישט דאס ליעד פון שטומען עלענד?

עס איז געווען אמאל א צויבעריז א יונגע.
פון איהרע פולע הענד האט שיינענדיג א שליסעל

פון רייץ און צויבער־שלאַס צום אויג אַרויסגעלויכטען,
און ס׳האָט זיין בלאַנקער שיין געפאַנגען און גע׳שכור׳ט.
מיט אויגען־גלאַנץ פון וועלף און בויגיגע, ווי טיגערס,
געצויגען האָבען זיך די הונגעריגע גלוסטער,
ביז אין דעם וואָלפען־שיין פון אויגען איינגע׳שכור׳ט,
האָט זיך די פולע האַנד דער צויבערין צועפענט,
און שטיל און מיעד האָט זי דעם שליסעל אָפּגעגעבען.
געצאַלען שטיל און מיעד, און נאָכדעם שטום פאַרנומען,
ווי ס׳קריצען איהר די ציינער און ס׳גרילצט אין האַלז די שטומקייט,
און בלינדערהייט געזוכט האָבען די הענד אַן אָרים,
וואָס זאָל מומערליך באַקלאָגען: טאָכטער! טאָכטער!
כ׳האָט נאָר די הייסע נאַכט די לאָקען הייס געקרויזעלט,
עס האָט געוואָרגען בלויז אין האַלז דאָס הייסע שווייגען —
און אין דער הייסער נאַכט, אין גרילצען פון דער שטומקייט,
געדענקסטו נישט דאָס ליעד פון שטומען עלענד?

עס איז געווען אַמאָל... געווען, קען זיין, ערשט נעכטען.
און ערשט האָסטו די טיר פאַרמאַכט, און ס׳דאַכט דיר,
אַז אַלץ איז אַזוי ווייט און פרעמד, ווי קיינמאָל דיינס נישט.
נאָר טויטליך־מיד ביזטו, און אין דער טויטער מידקייט
ווי נייע־געבאָרען, דאַכסטו זיך, פון ווייטען ערשט צו קומען,
פון ווייטען וואַנדערן, גאָט׳ס הימלען צו דערקענען
און אונטער זייער שיין דיין ווינקעל צו געפינען.
עס האָט דער בוים די ערד, וואו ר׳האָט געלאָזען וואָרצלען,

א פויגעל האט א נעסט, א חיה האט איהר נארע,
און מענשען איז באשערט א הויז און רוה צו האבען,
און עמיצען, וואס צעהלט מיט איהם די טעג פון לעבען,
און עמיצען, וואס וועט איהם צומאכען די אויגען.
וואו איז דאס הויז פאר דיר און דיין באשערטער יונגעל?
די אויגען צוגעמאכט, ווי בלאנדזשענדיג אין זוכען,
און דא אין פרעמדען הויז א קאלטער פייער שימערט.
כ'וועט מארגען שימערן פאר נאך איינעם, א פרעמדען,
ווען דו, פון ווייטעניש, וועסט ווידער ערגעץ בענקען,
און ערגעץ דארט, ווי דא, וועט אין קאמין דאס פייער
צוגליהען זיך ביז אש און, פאלענדיג, דערצעהלען:
— עס איז געווען אמאל... עס איז אמאל געוועזען...

16. לאורא'ס געזאנג

ווער וועט מיר בויען א הויז?
ווער וועט מיר בויען א הויז?

ערגעץ אין קראטעס פארצאמט
אונטער א בערגעל פון זאמד,
אונטער א זאמדיגען שטיין
גליווערט מיין טאטענ'ס געביין.

װעל איך איהם װעקען פון שלאף:
— טאטע, פון קבר שטעה אויף,
קום אין דיין שאטען ארוים,
לערן מיך בויען א הויז!

קומט ער אין שאטען פאר מיר,
שטעהט, װי א בעטלער ביים טיר:
— כ׳האב נישט ביים לעבען געבויט,
װי זאל איך עס נאכ׳ן טויט?

עלענדער בין איך, װי דו.
לאז מיך צוריק אין מיין רוה! —
קיהלט מיך זיין װארט, װי א װינד,
שטיל און זיין שאטען פארשװינדט.

װער װעט מיר בויען א הויז?
װער װעט מיר בויען א הויז?

ערגעץ ביי פרעמדע א גאסט,
זיך און דער עלטער צו לאסט,
ענדיגט די מאמע דעם װעג
פון איהרע איינזאמע טעג.

שיק איך צו איהר מיין געבעט:
— מאמע, אויב ס'איז נישט צו שפעט,
קום פון דער פרעמדקייט ארויס,
לערן מיך בויען א הויז!

קומט זי מיט אויגען אראפ,
שאקעלט אויף מיר מיט'ן קאפ:
— איך האב א ווינקעלע בלויז
אייביג פארמאגט אין מיין הויז.

דער בלויז, וואס לעבט מיט זיין גאט,
רוה און א ווינקעלע האט — — — —
ציטערט אין לופטען א טרער,
שטיל — און איך זעה זי ניט מעהר.

ווער וועט מיר בויען א הויז?
ווער וועט מיר בויען א הויז?

ווייט איבער ים'ען און שטעדט,
וואו נאר א שטעגעל זיך טרעט,
וואנדערט א ברודער אליין,
וואנדערט א שוועסטער אליין.

שיק איך צו זיי מיין געבעט
איבער די ים'ען און שטעדט:
— קומט פון די ווייטען ארויס,
לערנט מיר בויען א הויז!

געהט מיין געבעט אויף דער וועלט,
זוכט וואו א וואלד און א פעלד,
זוכט וואו א שטאדט אין דער פרעמד
קומט און בלייבט שטעהען פארשעמט:

— אויסגעוועען וואו נאר א לאנד,
זייערס א הויז נישט באקאנט.
וואגלער — זיי בויען קיין הויז,
וואנלען לאנד איין און לאנד אויס.

ווער וועט מיר בויען א הויז?
ווער וועט מיר בויען א הויז?

זיינען געבליבען פאר מיר:
איך — און אן אפענע טיר,
איך — און א זאמדיגער שטיין,
איך — און א מאמעס געוויין.

— לאורא, עלענד מיין דו,
בענקסט דאך אזוי נאך דיין רות,
אפשר איז דיר נאך באשערט
ערגעץ א ווינקעל אויף דר'ערד?

ענטפערט מיין עלענד און זאגט:
— כ'געה, וואו די כוואליע פאטראגט,
וואס האט נאך זוכען געקענט
האט שוין דאס זוכען פארברענט.

טראגט צו די כוואליע צום ברעג —
בלייב נאר א זאמדיגער וועג.
האסטו דעם ים נישט פארצאמט —
וואס קענסטו בויען אין זאמד?

ווער וועט מיר בויען א הויז?
ווער וועט מיר בויען א הויז?

17. ווער זי איז...

ס'איז אלץ איינס, ווער זי איז: דיינס א שוועסטער, א ווייב,
צ י די פרוי, וואס דו קלאפסט אין דער נאכט אין איהר טיר,
צי דיין איינענע טאכטער, דאס לייב פון דיין לייב —
ס'קומט א טאג, און זי איז נאר א שוועסטער פאר דיר.

יעדע איינע פון זיי — זאָל זי זיין ווער זי איז —
געהט דער אומגליק איהר נאָך מיט פאַרביסענע צייהן,
שפּירט זי נאָך, לויערט נאָך, ביז ער וואַרפט פון די פיס —
אויב נישט נעכטען און היינט, וועט עס מאָרגען געשעהן.

יעדע איינע פון זיי טראָגט די זינד אין איהר שויס.
טראָגט די זינד פון איהר טאַטען, איהר מאַן און איהר קינד,
און באַהאַלטען פון איהר, צו דעם אומגליק אַרויס
קוקט די זינד, און זי וואַרט און זי גאַרט צו איהם בלינד.

אויב נישט נעכטען און היינט — וועט עס מאָרגען געשעהן.
און דערנאָך, אין איהר וועהטאָג אויף אייביג פאַרשטיקט,
מיט געשטרויכעלטע טריט וועט זי לאָזען זיך געהן,
זועט זי וואַגלען און זוכען אַ ברודער׳ס אַ בליק.

און זאָל זיין, אַז דיין טראָט איז נאָך פעסט אויף דער ערד,
ועסטו אויך נישט אַנטרינען פון אייגענעם בלוט.
ס׳איז דיר אויך נאָר דאָס אייביגע וואָגלען באַשערט,
און ס׳וועט קומען צו דיר אין דער רעכטער מינוט.

ס׳איז דאָס וואָגלעריש בלוט און דער אומרוה, וואָס יאָגט.
און זאָל זיין, אַז נישט דו האָסט דיין אומרוה פאַרזייהט,
וויים נישט קיינער דעם קוואַל פון דער זינד, וואָס ער טראָגט,
ווייס נישט קיינער, ווער ס׳האָט איהם זיין שאָטען פאַרשפּרייט.

ס'איז דיין שוועסטער אין לייד — נעם זי אַז ביי דער האַנד,
גייה מיט איהר, און ווען ס'שטרויכעלט איה פוס — דערמאָלט זאָג:
ס'האָט דאָ עמיץ אין טאָלען צוגראָבען דאָס לאַנד,
ס'האָט דאָ עמיץ אין וואָלקענס פאַרשאָטענט דעם טאָג.

18. ליידען־גליק

I

וועל איך פאַרזינקען אין תענוג פון פּיין,
וועל מיט'ן וועהטאָג זיך קוויקען.
וועל איך מיט פינגער פון דורשטיגע הענט
שטיקען דעם אומרוה פון גאַרען, וואָס ברענט,
גלוסטענד און דורשטענדיג שטיקען,
ביז איך וועל וויסען, אַז ס'איז אויך צו מיר
ס'אומגליק פון ליעבע געקומען דורך דיר
מיך מיט זיין וועה צו באַגליקען.

כ'האָב דאָך נאָך קיינמאָל דאָס גליק נישט געקענט.
ס'האָט זיך די ליעבע געצונדען,
האָט מיך באַלויכטען מיט פלאַמען פון לוסט,
האָט מיך פאַרבלענדט — און ביז כ'האָב זיך דערוואוסט —
שוין ווי אַ פלעמיל פאַרשוואונדען.
בין איך געבליבען פון פלאָם אָפּגעבריהט,
בלויז מיט אַ יונגענד, וואָס זוכט ערגעץ מיעד
היילונג צו גליהענדע וואונדען.

האסטו מיט וואונדעז געעפענט מיין הארץ —
טראג מיר דיין וועהטאג אנטקעגעז.
אלץ, וואס פארבארגעז אין שטומעז געשריי,
אלץ. וואס פארשטיקט אין פארלאשענעם וועה
איבער די איינזאמע שטעגעז —
ברענג עס צו מיר. אום דורך דיר און דיין פיין
ליעבעז און פלאגעז זיך זוכה צו זיין
דיך און דיין אויסלייזונג וועגעז.

II

ווי שווער עס וואלט געווען דעם אומגליס צו פארבייטעז
אויף זיסעז גליק,
און ווי עס וואלט פון רוהיגקייט געצויגעז
צו פיין צוריק.

מיט שטימעז לאקענדע און שכור'דיגע קלאנגעז
פארפיהרט די פיין,
און זיבעז מאל צו זיבענהונדערט פארבעז
פארמאגט איהר שיין.

אזוי באשטענדיג איז און שימערט אזוי לעבליך
פון גליק דאס ליכט,
ווי זיסע זאטקייט פון א זונגלינג'ס אויגעז
און ווייס געזיכט.

צי וועט דען דער, וואס גארט ביים פולען בעכער
פון וויין און לוסט.
זיין דורשט צופרידענשטעלען מיט דער נאהרונג
פון מוטער־ברוסט ?

ווי שווער עס איז דעם אומגליק צו פארבייטען
אויף זיסען גליק,
און ווי עס ציהט פון איינוויעגענדען אפרוה
צו פיין צוריק...

III

ביסט א היילונג צו מיר. אין דעם יאגען געשווינד
פון דער לוסט איבער יונגעלשע בערג,
האב איך זיך אין מיין יוגענד פארשפיעלט, ווי א קינד,
און פארשפיעלט אין גאט'ס וואונדערליך ווערק.

פאר א שמייכעל — א בליק, פאר א צוזאג — א גליק,
פאר אנ'ארעם — א הויפען מיט פרייד,
ווי דער בארג וואלט געווען א געשטעל פאר מיין וויעג
און דער וואלד פאר מיין שאטען פארזייהט.

ווי די זון וואלט פאר מיר נאר געשיקט יעדען שטראהל
און פאר מיר — יעדען שטערען די נאכט.
ס'האט דעם שאטען און שיין פון מיין איינענעם קוואל
דער אלץ־געבענדער דרויסען פארמאכט.

ביז עס האָט מיך דער שפּיז פון דיין לײַדען באַריהרט,
ווי אַ סצעפּטער פון קעניג אין גנאָד,
ביז דו האָסט מיך צו מענשליכער ליעבע געפיהרט
און באַקעהרט צו אַ מענשליכען גאָט.

ביסט אַ היילונג צו מיר. יעדער טראָפּ פון דיין לייד
נייעם ציטער און בענקעניש ברענגט.
גאָט ! ווי גרויס איז דער אוצר פון פּייליכער פרייד,
וואָס דו האָסט אין דיין ליעבע געשענקט !

19. דו ביסט רייך

דו ביסט רייך.
הינטער דיר שטעהען שלעסער געמויערטע
איבער קעלערס, געגראָבען אין דר'ערד.
וועגט מיט רייכטימער אַלטע באַהאַנגענע
און די דילען מיט אוצרות באַשווערט :
פּורפּור־מאַנטלען פון קעניג און קעניגין,
דיאַדעמען און קרוינען געשניצט,
פון פּרינצעסינס די פּעריל און פּאַנצער־גאָלד,
וואָס האָט ברוסטען פון פּרינצען געשיצט,
שווערד און שויץ פון די ריטערשע וואָהנונגען,
זייער גאָלדען און זילבער־געשיר —
אין די שלעסער און קעלערס געמויערטע
אַלע רייכקייטען וואַרטען אויף דיר.

ניטש געוואוסט ?
האסט געמיינט, אז אינגאנצען א נאקיטע
אהן א ווינקעל און היימישען שטייז,
וועסטו וואגלען אויף לעבען א עלענדע,
ווי דער טאטע געלאזט האט דיך געהן ?
אויב דער טאטע געלאזט האט דיך עלענד געהן,
האבען זיידעס פאר דיר זיך געמיהט,
האבען אוצרות געזאמעלט, און דורות־לאנג,
דורות־לאנג זיי פאר דיר אפגעהיט.
דארטען ווארטען די שוועלען פון היימליכקייט —
נעהם דיין עלענד און טראג איהם אהין,
און אין שוץ פון באפעסטיגטען פרינצען־בלוט
דיינע היימישע שוועלען געפין.

וואו צו געהן ?
ס'האט דיין פאטער אין הויז צו דיין אייגען היים
דיר צו ווייזען די וועגען פארפעהלט,
האבען זיידעס געמיהט זיך — אנ'אנדערען
דיך צו פיהרען ביים ארעם דערוועהלט.
האט מען מיך אויף די וועגען ארויסגעפיהרט
און די היילען געהיימע אנטפלעקט,
וואו די שליסלען צו שלעסער און רייכטימער
האבען יאהרען מיט סודות פארדעקט.

איבער וועגן פון צייט וועל איך פיהרען דיך
אינ׳ם קעניגרייך דיינעם אריין,
און אויב ס׳פליסט אין דיר בלוט פון א קעניגין,
וועסטו דארטען א קעניגין זיין.

20. ווילסטו זיין —

ווילסטו זיין א פאסטוך־קינד,
פיטערן די לעמעלעך
אויף דיין טאטענ׳ס פעלד,
און מיט לאגלען וואסער פול
מיך ביים שוועל באגעגענען
פון דיין ווייס געצעלט —
וועל איך פאר א סטאדע שאף
דיך ביים טאטען אפקויפען,
פייפלעך טראגען דיר.

ווילסטו זיין א קעניגין,
דיינע גלידער לויטערן
מיט׳ן בשמים־זאלב,
און דיין קלייד, פון גאלד געשטריקט,
זאלען שקלאפען אויספאלבען,
יעדער שקלאף א פאלב, —
וועל איך אין באגינען־טוי
שענקען דיר א קעניגרייך,
ליעבע ברענגען דיר.

ווילסטו זיין א הייליגע,
ווארטען אויף דיין אונטערגאנג
ביי א קעלער־וואנט.
און אין שטילער זעליגקייט
אפגעבען דיין האפנונג
אינ׳ם תלין׳ס האנד, —
וועל איך אינ׳ם פייער פלאם
דיר צופוסענס אומקומען
און פארגעהן מיט דיר.

ווילסטו זיין א בעטערין,
זיך גאטספארכטיג אפשיידען
מיט דיין מאן אין וואלד,
ביז עס וועט זיין הייליגקייט
פאר דער וועלט זיך אויפדעקען
אין זיין ווייס געשטאלט, —
וועל איך זיין א מליץ דיר,
צו גרייטען א פאטער־שטוהל
און א קרוין פאר דיר.

פאסטוך־קינד און קעניגין,
הייליגע און בעטערין
אין צדיקים־שטוהל,
לעבענדיג און שטארבענדיג,

ווייבעריש און מוטערליך,
לייד און ליעבע־פול, —
אלע וועגען אויסגעשפרייט,
אלע טהירען אויפגעפראלט
עפען איך פאר דיר.

21. ווי פרעמד...

ווי פרעמד פאר דיר עס קלינגען מיינע רייד!
אזוי ווי פון דער וועלט און מענשען אפגעשיידט
וואלט איך זיך ווי א ביהנען־העלד
אין מיטען גאס אוועקגעשטעלט
און אויף אנ'אלטער און באפרענזעלטער גיטאר
גענומען צימבלען א ראמאנטישען געזאנג,
וואס איז מיט מאך באוואקסען שוין פון לאנג,
און מאכען זיך פאר לייט און זיך צום נאר.

און אויב דו ווילסט באהאנדלען מיך מיט גנאד,
באשיצסטו זיך מיט גאר דיין מענשליכען געדולד
און טראכטסט: עס איז דאך נישט דעם דיכטער'ס שולד
אזוי באשטראפט צו זיין פון גאט
מיט אויגען חלומ'דיגע, מיט א קינדער־שוואונג
און שענע ווערטער, וועלכע פאלען פון דער צונג.
אט זאל ער ווייטער זינגען, קלינגענדיג און זיס —
וואס וויס ער דען, וואס ביטער לעבען איז!

22. כ'האָב פאַרגעסען

כ'האָב פאַרגעסען, אַז פון פּרעמדקייט
אין דיין היים צו געהן
איז קיין אַנדער וועג נישטאָ.
ווי דורך דיר אַליין.

אַז צום צוויבערדיגען נעכטען,
וואָס פון ווייטען שיינט,
מוז מען מיט אַ שליסעל געהן
דורך דער טהיר פון היינט.

האָט מען היימען אין די טאָלען
זיך געבויט אַמאָל :
וואָס צום צוויבער־נעכטען פיהרט
איז דער ענגער טאָל.

זיינען דיר די אַלטע וועגען
פרעמד און אומבאַקאַנט —
מוז איך צו דיין היים אַליין
פיהרען דיך ביים האַנט.

23. אין אונזער גאס

גערען מיר אין אונזער גאס,
קומט א הילך אנטקעגנען.
בלייבסטו יעדע ווײלע שטעהן
אויפ'ן קרייץ פון וועגנען.
זאכען אומפארשטענדליכע
נעמסטו ביי מיר פרעגען.

— וואס איז דער גערייד אזוי
דא פון אלע זייטען?
— ס'ווערען אלע שוויינענדיג,
ווען מען קומט ביי לייטען,
רעדט מען זיך פון הארצען אפ
דא פאר אלע צייטען.

— און פאר וואס אזוי פיעל שטויב
פון די אלטע זאכען?
— מ'האט אמאל די גאס געפלעגט
אויף א שלאס פארמאכען,
האט מען זיך געמוזט פון שטויב
דא א האנדעל מאכען.

— ווער זיינען די אלטע לייט,
עלענד אויף די ראגנען ?
— מ'פלעגט אמאל פון טיר צו טיר
בעטלען זיי צו יאגנען.
קענען זיי קיין אנדער ברויט
איצטער נישט פארטראגנען.

— און וואס איז דאס פאר א הויז
דארט הינטער די שטיבער ?
— מ'האט אמאל דעם גאט געשטיקט
אין די קעלער־גריבער.
בויט מען איהם אין הינטער־הויף
אלץ דאס הויז דעריבער.

— און פארוואס איז פינסטער דא,
גליטשיג אויף די שוועלען ?
— זאל שוין גענוג אמאל
פראגען מיר צו שטעלען.
ווי דו זעהסט — אט זיינען מיר,
ווי מיר זאלען וועלען.

דאס איז אונזער ארימקייט,
גרייט מיט דעם צו דיענען.
ווער עס וויל — וועט בלייבען דא
און א היים געפינען.
ווען ס'איז פינסטער – קען זיך דא
העל א חלום שפינען.

24. אומעט

צינדען זיך העלע חלומות
צווישען פאראומערטע ווענט,
צאנקען אין טונקעל און ווערען
לאנגזאם, ווי ליכטלעך, פארברענט.

וואו דו ווענסט ערגעץ פארבלאנדזשעט
איבער דער גרוים פון דער ערד —
אייביג דער זעלביגער אומעט
אייבינען עלענד באשווערט.

וועגען פון רעגען צושווענקטע,
הייזער פון עלטער צוקרימט,
שטיבער פארצאגט, און פון ווינקלען
עלענד פארוואגעלטער שווימט.

קוים נאך עס גראהט אויף באגינען
רייבט מען די אויגען זיך אויס,
נעצט מען די הענט און מען יאגט זיך
שנעל נאך פרנסה ארויס.

שפינוועב און זשאווערדיג אייזען,
אלטווארג און עופות און גרינס...
שפינוועב — דאס ברענגט די חיונה,
אלטווארג — דאס גרויסע געווינס.

זעקס טעג א וואך מיט'ן האנדעל
שלעפט מען ביז פרייטאג פארנאכט.
ווערען אין שטאל איבער שבת
האנדעל און אלטווארג פארמאכט, —

שלאפט מען פון שחרית ביז מנחה,
און ווען א שטערען געהט אויף,
ציהט מען צוריק מיט א אומעט
ס'וואכעדיג מלבוש ארויף.

יאגט מען דעם ווינד אויף די פעלדער,
ווארט מען ביי טהירען און שוועל,
ווערט פון די ווינטען אוןווארטען
הארט, ווי א לעדער, די פעל.

הארט, ווי א לעדער, פאר זארגען,
טרוקען, ווי ביין, פאר דער נויט.
שלעפט מען גלייכגילטיג דעם אומעט
ביז'ן גלייכגילטיגען טויט.

וואו קענען ברענען חלומות,
וואו קענען פריידען זיין העל,
ווען, ווי א אייביגער שאטען,
לויערט דער אומעט ביים שוועל?

25. די צייט

נישט מיט קיין אדלער־פליה יאגט אונזער צייט,
נישט אין קיין פריצים־קאטש באהרט זי.
האט אונז אין זינען די וועלט פון ד״ר וויים —
רעשטלאך פון מאהלצייטען שפארט זי.

קלייבט אונזער צייט איהרע רעשטלאך צונויף,
פאקט אויפ׳ן וואגען דעם אלטען,
וואו נאר א קרעטשמע אין וועג, צי א הויף —
שטעלט זי זיך שבת דארט האלטען.

רייסען די אינגלער פון פערדעל דעם עק,
שלעפען וואס לאזט זיך פון וואגען, —
ביז ער דערשלעפט זיך אמאל צו א צוועק,
האט ער נישט וואס צו דערטראגען.

גרייט מען מיט רעשטלאך פון רעשטלאך דעם טיש,
רייסט זיך צו איהם יעדער איינער,
שלאגט מען זיך איבער אן עק פון א פיש,
איבער א הויפען מיט ביינער.

מאכט מען די ברכות מיט היץ אויפ׳ן קול,
בענשט מען דעם הויכען מזומן,
ביז מען איז פארטיג מיט בענשען אמאל,
דארף שוין א נייע צייט קומען.

רייך איז די וועלט און עס האָט איהר געגליקט:
ס׳גיסט זיך אריבער׳ן שיסעל.
האָט זי דערפאר אונז צום בענשען געשיקט
איצטער — א היהנעריש פיסעל.

נישט מיט קיין לופט־מאשין פליהט אונזער צייט,
נישט מיט קיין אייזענבאהן פאָהרט זי.
האָט אונז אין זינען די וועלט פון דער ווייט:
רעשטלאך פון מאהלצייטען שפּארט זי.

26. די גאָלדענע פאווע

אַמאָל איז געפלויגען די גאָלדענע פאווע
צום היימישען לאַנד איבער טייכען און ים׳ען,
און האָט אין די פליגעל אַ בריוועל געטראָגען,
א גרוס פון א קינד אין דער פרעמד צו א מאַמען.

געפלויגען, געפלויגען די גאָלדענע פאווע
און האָט איהרע פליגעל פארמאַטערט פון פליהען,
אין וואַלד אויף א בוים איז זי זיצען געבליבען
צו רוהען ביז טאָג וועט די הימלען צוגליהען.

אין וואַלד איבער נאכט איז געבליבען די פאווע
ביז ס׳האָט זיך צוגליהט אויף באַגינען דער הימעל.
געקומען איז טאָג, און די נאכט איז געפאַלען,
נאר ס׳האָט נישט דערוואכט שוין די פאווע פון דרימעל.

אוועק איז א טאג און א נאכט און א מארגן,
אוועק זיינען וואכן, חדשים און יאהרן —
א בייזער מכשף דעם וואלד האט פארשלעפערט,
און ס'איז אויך די פאווע פאר'כשופ'ט געווארן.

פאר וועם ס'האט די צייט זיך געשלעפט, ווי פון סמאלע,
פאר וועם זיך געיאגט, ווי א פייל פונ'ם בויגן —
אלץ איינס איז געוועזן דעם וואלד און דער פאווע,
ווי לאנג ס'האט פאר זיי זיך דער כשוף געצויגן.

ביז איינמאל א טאג זיינען העקער געקומען
און פוהרן מיט פערד צו פארנעהמען די קלעצער, —
און דארט, וואו ס'האט פריהער דער כשוף געפינסטערט,
האט זונשיין באלויכטען די נאקיטע פלעצער.

פארטריבן דעם כשוף האט זון און גערודער,
צוטרייסעלט די פינסטערע ביימער פון דרימעל,
און ס'האט אויך די פאווע געעפענט די אויגן
צו זוכן איהר וועג אינ'ם לויטערן הימעל.

געפלויגן, געפלויגן די גאלדענע פאווע
צו טראגן איהר גרוס מיט די היימישע וועגן,
געקוקט און געזוכט, נאר זי האט נישט דערקענט שוין
די לענדער, וואס זיינען געקומען אנטקעגן.

וואו זיינען די כוואַליעס פון גאָלדענע פעלדער?
וואו זיינען די נעסטען און שטרויענע דעכער?
עס ציהען זיך אייזערנע וועגען, ווי שלאַנגען.
עס הויבען זיך קוימענס פון סאַסנע־בוים העכער.

און וואו נישט וואו זעהט זי אַ באַרג אַ באַקאַנטען
און ערגעץ אַ וואַסער. וואַס פליסט אין זיין בעקען
און שנעלער איהר וועג פליהט די גאָלדענע פאַווע
צו שטילען אין הארצען די גרויליכע שרעקען.

שוין באַלד איז זי נאַהענט. דאָרט קען זי דאַס געסעל,
דעם בוים פאַר'ן פענסטער און שנירעל ביים לאַדען.
אַ קלאַפּ אין דער שויב, און די מאַמע, די אַלטע,
דעם גרוס פון איהר קינד וועט אין טרעהרען אויסבאָדען.

שוין באַלד איז זי דאָרט. און אַט וועט זיך פון וויטען
אַ רויך פון די ליימענע קוימענס באַווייזען — — —
שוין באַלד — און אַט רייסען זיך וואַלקענס פון קוימענס,
פון שטיינערנע קוימענס אויף דעכער פון אייזען.

עס דריקען זיך טונקעלע דעכער צוזאַמען.
און מויערן שוואַרצע, און גאַסען אין שאָטען —
און ס'פלאַטערט דאַס הארץ ביי דער גאָלדענער פאַווע
אין זוכען דעם זאַמד, וואו איהר פוס האָט געטראָטען.

עס פלאַטערט איהר האַרץ, און זי הערט נישט די קולות,
און זעהט נישט אַרום די פאַרוואונדערטע בליקען,
און פיהלט נישט, ווי עמיצער כאַפּט זי און טראַגט זי,
און טראַגט זי אין אייזערנע אָרעמס, וואָס שטיקען.

געפאַנגען, געפאַנגען, די גאָלדענע פּאַווע
אין הילצערנעם שטייג הינטער אייזערנע שטאַנגען.
און ס'קומען דער פּאַנגער און שכנים צו קוקען,
ווי שען ס'איז די פּאַווע אין שטאַנגען געפאַנגען.

און ס'קוקט אַ פאַרגאַפטע דאָס ווייב פון'ם פּאַנגער,
און בייסט זיך די ליפּען און ציהט זיך די ברעמען —
אַך, וואָלט זי געקענט פון דער פּרעכטיגער פּאַווע
אַ פעדער, אַ איינציגע פעדער בלויז נעהמען!

אַך, וואָלט זי געקענט נאָר!... און איינמאָל, אַ בלייכע,
האָט זי זיך אַריבער'ן שטייג איינגעבויגען,
אַראָפּ אויף דער גאַס, און ס'האָט איבער איהר שטערען
אַ גאָלדענע פעדער פאַרשימערט די אויגען.

אַ פעדער פון בלאָה, וויאָלעט און פון גינגאָלד,
וואָס גיסט זיך אין שיין, ווי די זון אין אַ רעגען —
און ס'קוקען פאַרגאַפטע די מענשען אין דרויסען,
וואָס געהען איהר נאָך און וואָס קומען אַנטקעגען.

אויף מארגנען באגינען — מען קלאפט אין די טירען :
— פאר וויפיעל פארקויפסטו דער פאווע'ם א פעדער ?
א רענדעל ? צעהן רענדלאך ? א זעקעל מיט רענדלאך ? —
און בייטלען מיט גאלד איהם אנטקעגען טראגט יעדער.

פארבלענדט איז דער פאנגער פון גאלדענעם שימער,
און ביז נאך די זון יענעם טאג איז פארגאנגען
זיך אויסגעפוצט האבען צעהן גבירישע ווייבער
אין גאלד פון דער פאווע אין שטאנגען געפאנגען.

צעהן גבירישע ווייבער אין פראכט פון דער פאווע,
א פעסעל מיט גאלד ביי דעם פאנגער פארבארגען,
און ס'ליגען צעהן טויזענד בייננאכט אין די בעטען
און ברענען פון קנאה ביז גראהען פריהמארגען.

געשטארבען שוין לאנג איז די גאלדענע פאווע.
איהר שטייג אויפ'ן בוידעם — צעפאלען אין שפענדלאך,
דאך ווימלען די גאסען מיט פעדערען־פארבען,
און ס'ווימלען ביים פאנגער אין פעסער די רענדלאך.

פון וואנען די פארבען, ווען טויט איז די פאווע ?
און רענדלאך אזוי פיעל, אויף גאלד כאטש צו טרעטען ?
דער סוד איז ביים פאנגער, דאס גאלד — פון די מענער
מיט וויינענדע ווייבער בייננאכט אין די בעטען.

דאָס גאָלד איז פון פּריצים און זיידענע קאַטשען
און יונגען, געדונגען צו שלעפּן די לייצעס,
פון לוסטיקע יורשים און שטילע חתנים,
וואָס טראָגן דאָס גליק, ווי אַ האָרב אויף די פּלייצעס.

דאָס גאָלד גיט אַ פעדער, די פעדער גיט ליעבע.
איז — וויפיעל ווער ס'האָט, איז איהם קליין דאָס פאַרמעגן,
און ס'ברענען די אויגן מיט בלוטיגער שנאה
ביי יענע, וואָס קענען דאָס גאָלד נישט באַלייגן.

מען זאָגט, אַז פון בלוט, וואָס דאָס גאָלד האָט געזויגן,
איז רויט שוין דאָס האָלץ פון די האַרטע וואַרשטאַטען,
און ס'האָט שוין די בלוטיגע שנאה נישט איינעם
פאַרטריבן צום טויט הינטער אייזערנע קראַטען.

און וואו נאָר ס'באַווייזט זיך די גאָלדענע פעדער,
צעפאַלן — דערצעהלט מען — די פרידליכע הייזער,
און ס'בלייבן אהן מאַמעס די קינדער אין וויעגן,
און ס'וויינען פאַרלאָזטע יתומים אהן שפּייזער.

עס וויינען אין הייזער פאַרלאָזטע יתומים
און ס'רופען די קינדער אין וויעג נאָך אַ מאַמען,
נאָר ס'איז שוין נישטאָ מעהר קיין גאָלדענע פאַווע
צו טראָגן דעם גרוס איבער לענדער און ים'ען.

27. הייליגע באָבעס

I

עס דאַבנען די הייליגע באָבעס
די לייבער אין קליידער פאַרצויגענע,
פאַרדעקט זיך די קעפּ צו די אויגען —
די אויגען פאַרגראָבען אין דר'ערד.

עס האָבען די הייליגע באָבעס,
אין תחינות גאָטספאַרכטיג פאַרזונקען,
אין כשר'ען וואַסער געטונקען
די לייבער צום פרוכטבאַרען בעט.

עס האָבען די הייליגע באָבעס
מלאכים גערופען צום האָבען,
און האָבען אין קינדער פאַרגראָבען
די שרעק פאַר דער אייזערנער רוט.

עס האָבען די הייליגע באָבעס
געלאָזט אַ ירושה די קינדער.
וואו איז די ירושה אַצינדער?
אָט קוק אויפ'ן דרויסען און זעה.

II

נישט די פאַר'חלום'טע יונגען וואָס קלעטערן
הויך אויף די הימלען דורך פינגער אין בלעטערן
דאָס. וואָס עס מאַכט זיי די הערצער צו ציטערן —
דאָס איז דער מאַן.

הענד, וואָס די פעלזיגע שטיינער צובויערן,
שמיערען די ערד מיט די שטיינערנע מויערן,
רייסען די הימלען מיט אייזערנע טהורימער —
דאָס איז דער מאַן.

באַהנען, וואָס מעכטיג פון אייזען געגאָסענע,
רייסען פון בערגער די קייטען פאַרשלאָסענע,
יאָגען פון זון ביז צו ים'ען געפּראָרענע —
דאָס איז דער מאַן.

שיפען, וואָס וואַרפען די כוואַליעס צומאַלענע
שניידיג און שאַרף מיט די בוזימער שטאָהלענע,
ברומען און רעווען, דעם שטורם פאַרהילכענדיג —
דאָס איז דער מאַן.

קומט זיי אַנטקעגען אַ וואַנד אַ געהאַמערטע —
איז דאָס אַ ברוסט, וואָס אין אָרעמס פאַרקלאַמערטע
ועט זייער'ליב אין איהר פעלזיגקייט איינשליסען —
דאָס איז דער מאַן.

דריקט זיי צוזאַמען די גאַס מיט די מויערן,
בלענדט זיי דאָס אויג און פאַרטויבט זיי די אויערן —
איז עס באַרוישונג פון זיסען אַרומנעמען,
דאָס איז דער מאַן.

ברענען די גאַסען מיט פייערן טויזענדער,
יאָגט עס דאָס בלוט אין די אָדערן ברויזענדער,
לאַקט עס, ווי אויגען, וואָס רופען זיי ווינקענדיג —
דאָס איז דער מאַן.

שטרויכלען זיי, קניהען זיי, פאַלען געבויגענע,
לעכצענדיג דורשטיג מיט ליפען פאַרצויגענע,
ביז עס צומאַלט זיי אין דורשטיגען פּלאַטערן —
דאָס איז דער מאַן.

III

איהר באַבעס הייליגע ! אַ שרעקליכע ירושה
האָט איהר די אייניקלאַך געגעבען :
פאַר אייערטוועגען אויסצולעבען
פון יאָהרהטויזענדער די זינד.
וואָס האָבען אייך דאָס בלוט פאַר׳סמ׳ט,
און איצטער שטיקען זיי די ברוסט
און רייסען זיך פון בלוטען אונגעצאַמט
פאַר אַלע יאָהרענטויזענדער
צו מאַהנען זייער לוסט.

איהר באבעם הייליגע ! ווי האט איהר עם געקענט
אויף אייערע גאטספארכטיגע נשמות
צו נעהמען אזא שווערע שטראף :
פון דור אויף דור צו קלייבען אהן א סוף
די גלוסטונגען און דורשטען,
וואס האבען אייך דאס לייב געברענט,
אום אנצוזאמלען אזא לאסט פון זינד
אלץ אויף די אקסעל פון א דור,
וואס דארף עס אויסלעבען אצינד ?

איהר באבעם הייליגע ! אונמענשליך־שווער
פאלט אויף די אקסעל אט דער שטיין.
עס ברעכען זיך די קניהען אונטער איהם
און דריבנע, ברעקעלדיג און קליין
אויף שטויב צומאלען אונטער איהם
ווערט יעדער לוסט און ווילען און באגעהר.
איהר זינדיגע מיט זינד פון טויזענד יאהר !
ווי נישטיג און צומאלען ווערט א דור
פון אייער שרעקליכער ירושה !

IV

תאוה'ס צודראשענע
ביז נאך מען צינדט זיי מיט פייערן גראשענע,
ליפען שוין אויסגעבלייכט,

איידער זיי האָבן צו ליפּען אין פלאַם דערגרייכט,
הערצער גלייכגילטיג צו לעבן און פרייד —
אַט ווי מען גערט.

הערט מען — אַ קוואַל איז דאָ, אייביגקייט שענקענדער.
לאָזט מען זיך בענקענדע
זוכן אין פינסטער, ווי שאָטענס, וואָס רוקן זיך.
צאַפּלען און טוקען זיך
וואַקסענע ליכטלעך, אין פינסטער צופלאַטערטע,
פאַלט מען פאַרמאַטערטע,
שלעפט מען זיך לאַנג,
ביז מען וועט קומען — שטאַרבט אַפ דער פאַרלאַנג.

קלינגט מען זיך, טענה׳נדיג:
— און אַז עס ברענט שוין די זון אַזוי שיינענדיג,
קומט אַז די נאַכט —
וואָס איז איינגאַנצן איהר פייער און מאַכט?
איז דאָך עס מעהר נישט אין פייער אַ שטרוי...
כ׳לעבן, שוין גלייכער אַזוי.

בלייבט עס, אַזוי ווי עס איז,
גערט עס, אַזוי ווי עס גערט.

28. דער דיכטער

מיט יאָהרען צוריק איז געווען א דיכטער,
אַנ׳עלענדער דיכטער. פון גראָהען באַגינען
ביז טונקעלער נאַכט פלעגט ער זיצען געבויגען
און שטעפען כסדר אין רויש פון מאַשינען,
און שפעט ביי דער נאַכט, ווען דאָס ווייב איז פון ווארטען
אויף איהם אין איהר ווינקעל אנדרימעלט געבליבען, —
געקומען א היים, און ביים שיין פון א לעמפעל
פארשלאפען און מיד זיינע ליעדער געשריבען.
געשריבען פון טעג, וואָס פארגעהען אין פינסטער,
פון בענקשאפט נאָך זונען און ליכטיגע גליקען,
און ס׳האָט איהם געדאכט מיט דער פען צו פארזיסען
די נאָל פון די ביטערע עולה׳ס, וואָס דריקען.
און איינמאָל בייטאָג, ווען דער ארבייטער־עולם
איז עסענדיג ביי די מאַשינען געזעסען,
האָט ער די פאפירלאך פון בוזעם געצויגען,
און לאָזענדיג ווארטען און קיהלען זיין עסען,
גענומען זיי לייענען. איינס און דאָס צווייטע.
דעם אטעם פארהאַלטען, און בלייך, ווי אין פיבער,
פאר׳גנב׳עט ער זייטיג א בליק אויפ׳ן עולם:
זיי זיצען, זיי הערען, זיי קוקען זיך איבער.

עס טראָגען זיך זיפצען: וואָס דען? איז נישט אמת? —
עס ציהען זיך לענגער די מידע געזיכטער,
און איינער, וואָס האלט זיך אליין פאר א מבין,
לאָזט הערען זיין משפט: ער איז דאָך א דיכטער!

דעם טאָג האָט דער דיכטער קוים־קוים שוין דערארבייט:
עס האָט זיך כסדר די נאָדעל געבראָכען,
ביינאַכט האָט קיין שלאָף נישט גענומען, און שווערער
דערנאָך האָבען זיך שוין געצויגען די וואָכען
פון ארבייט, כאָטש לייכטער איז ערשט איהם געוועזען.
עס פלעגען חברים אלץ אָפטער און גערן
די ארבייט פון האנד ביי איהם נעמען און זאָגען:
— דו לייען אונז בעסער, און מיר וועלען הערען.
ער האָט זיי געלייענט. און שפּעטער געזעסען
א נאַכט א פארשלאָפענע ביז'ן פריהמאָרגען,
און טויטליך־פארמאטערט געשריבען די לידער,
וואָס ער זאָל זיי האָבען צום לייענען מאָרגען.
זיי האָבען געקוואָלען. פאר ווייב און באקאנטע
דערצעהלט און געהאלטען זיך שטאָלצער דעריבער —
און איהם וואָס א טאָג און א נאַכט זיינען טיעפער
די אויגען אריין אין די טונקעלע גריבער.
ער האָט זיך שוין קוים אויפ'ן בענקעל געהאלטען
און ס'האָבען איהם שאָטענס פארצויגען די שטעפּען:
אָט באלד — און ער וועט זיינע פים פון דער ארבייט

קוים־קוים צו דעם מידען געלעגער דערשלעפּען.
און ס'האָט זיך אַ מורמעל צוטראָגען: וואָס טוט מען?
ער קען דאָך אַזוי אַרום אויסגעהן, חלילה!
עס האָבען זיך עצות דערהערט, און אויף מאָרגען
נאָך היציגע רייד און נאָך ישוב'ן פּיעלע
געמאַכט האָט מען אָט וואָס: מען האָט זיך באַשטייערט
מיט וויפיעל ס'האָט יעדער געקענט, און דעם בלייכען
פאַרמאַטערטען דיכטער אין פרייהייט געלאָזען
דעם וואונש פון זיין האַרץ מיט'ן ליעד צו דערגרייכען.

מען האָט איהם באַפרייט. ס'איז אַ מאָרגען געקומען
אָהן צרבייט און זאָרג, און ער האָט זיך אין ליעדער
פון פּולען און דאַנקבאַרען האַרצען צוזונגען,
אין לויב פון דער טרייהייט פון מענשליכע ברידער,
פון איינהייט און ליעבע. זיי האָבען פון נחת
די קינדער מיט ליעבע געוויעגט אין די שויסען
און איינער צום צווייטען געשמייכעלט. ס'האָט זומער
אין גרינקייט און בלאָה זיך פאַרגומען אין דרויסען.
אַרויס איז דער דיכטער אין גאַס, און צום ערשטען
און פריידיגען מאָל זיך פאַרקוקט אויף די הימלען,
וואָס שיינען מיט בלענדענדער בלאָהקייט, פאַרקוקט זיך
אויף גאַסען, באַשיינט און באַזונטע, וואָס ווימלען
מיט מענשען, אין העלען געקליידט, און עס האָט זיך
אַ פרייד איבער איהם פון דעם דרויסען צוגאָסען.

און פריידיג־דערפרישט האבען הייטערע ליעדער
אין שיין פון דעם ליכטיגען מאָרגען געפּלאַסען.
געקוקט האָבען פריהער חברים אין וואונדער
און שמייכעל, דאָך שפּעטער גענומען זיך בלאָזען:
—וואָס דאַרף מען אזעלכעס?—נאָר ס'איז שוין דער דיכטער
געוועזען אין פעלד מיט די זאנגען און גראָזען,
געבאָדען דעם קאָפּ אין די זאפטיגע ווינטען,
וואָס טיילען אין סטעשקעס פונאַנדער די זאנגען,
און ס'איז דער אַלץ וואקסענדער בייזער געמורמעל
פון זיינע חברים צו איהם נישט דערגאַנגען.

ער האָט נישט געוואוסט וועגען דעם ביז דעם אווענד,
ווען זיי זיינען ברוגז'דיג צונ'איהם געקומען
און האָבען געזאָגט: אויב מיר האָבען באַפרייט דיך,
איז נישט צוליעב ליעדער פון פויגעל און בלומען.
דו שרייב אונז אזוי, עס זאָל טאקע פאַרנעהמען
ביים הארצען און מאכען די אויגען צו טרעהרען,
און נישט אונז אליין! פאַר וואָס קען נישט געמאָלט זיין,
עס זאָל פון דיין שרייבען אַ טובה אונז ווערען? —
אזוי האָבען זיי איהם געזאָגט. ער האָט שווייגענד
פאַרנומען דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבען געקינדיגט
און שולדיג פאַרבויגען דעם קאָפּ. ווי אונדאַנקבאַר
ער האָט עס אליין נישט געפיהלט, אז ער זינדיגט
מיט אַלץ, וואָס ער טוט, געגען ברידער געטרייע.

וואס האבען איהם פרייהייט געשענקט ! פונ׳ם זינען
ארויס האט ער ווידער גערופען די יאהרען
פון ארבייט פארשטיקטער אין רויש פון מאשינען,
פון בענקשאפט און לייד, און ווי דעמאלט גענומען
די פעדער אין האנד. נייך, אומזיסט זיך געמאטערט !
ס׳האט עפעס אין איהם זיך צוריסען אויף שפינוועב,
און דאס, וואס האט פריהער געפרעסט אזוי, פלאטערט
אצינד, ווי א שמעטערלינג, וואס איז געפאנגען
ביים זיידענעם פליגעל און רייסט זיך צום פליהען.
און ס׳דאכט, אז די ווערטער, געצוואונגען צום פעדער,
האט ער פון זיין אייגענעם נעכטען אנטליהען.
עס האבען חברים געלייענט, געקווינקעלט,
גע׳ישוב׳ט זיך איינס מיט׳ן צווייטען, און זענען
געקומען צום אפמאך: נישטא וואס צו רעדען,
מען קען דעם געוועזענעם מעהר נישט דערקענען.

געבליבען אליין איז דער דיכטער. וואוהין זאל
ער געהן, פון די אייגענע ברידער פארשטויסען
אהן שולד און אהן שוץ? און אהן ברידער געטרייע
איז קאלט און גלייכגילטיג דער ליכטיגער דרויסען,
און דאס, וואס האט נעכטען געפרעהט און געזונגען,
דערצעהלט נאר פון אייגענעם וועהטאג אצינדער,
און שרעקיג בעגלייטען אין עלענדען וואנדער
די אויגען פון בלייבע צושראקענע קינדער.

וואס פיהלען די ערשטע דעם עלענד. און דעמאלט,
נאך לאנגע חדשים פון איינזאמען וועה טהון
באגעגענט האט איינמאל דעם ז'יכטער א פרעמדער
און האט איהם געזאגט: צי דען דארפסטו זיך בעטען
אויף וואסער מיט ברויט ביי די בעטלער ביי דיינע ?
מיר האבען דאך אויך נישט קיין הערצער פון שטיינער.
באזינג אונז דיין עלענד ! נישקשה, פון הונגער
ביי אונזער'ס א טיש וועט נישט פלאגען זיך קיינער ! —
אוועקגעהן ? ביי פרעמדע פון עלענד זיך שפייזען ?
און דאך — וואס קען מאכען א עלענדער זינגער ?

דער דיכטער לעבט ווידער. ער שרייבט זיינע ליעדער
פון אומעט און עלענד, און מונטערער, אינגער
איהם שיינען די אויגען. און טרעפט זיך נישט זעלטען,
אז בלאנדזשענדיג צווישען די זומענדע זאנגען,
פארגעסט ער אמאל פון זיין נעכטיגען עלענד
און ס'רייסט זיך א פרייד פון די העלע געזאנגען, —
איז אויך נישט קיין אומגליק. מען שמייכעלט גוטמוטיג:
— דו נעהמסט זיך צום שרייבען גאר פרעהליכע זאכען !
ס'וואלט טאקי קיין עולה פון דיר נישט געוועזען
אמאל און צוביסלאך אונז פרעהליך צו מאכען ! —
א פרעהליכס ? ווי קען מען ? דאך ארבייט, ווען פלייסיג,
א צאהלער וועט אלע מאל זיין א גערעכטער ;
זיי האבען געלעקט פון זיין פרעהליכס די פינגער.

געוואקסען פון נחת, געקייכט פון געלעכטער.
און ווייט איז דאָס לאַכען געגאַנגען. עס האָבען
די אַלטע חברים געשאָלטען: פאַררעטער!
ער האָט זייער קללה געהערט, און באַהאַלטען
האָט עפּעס געריסען אין האַרצען. דאָך שפּעטער
דערמאָהנט האָט ער זיך, אַז פון היינט אין אַ חודש
וועט דאַרפען זיין גוטער פאַרזאָרגער פאַר׳קנס׳ען
די עלטערע טאָכטער, און ער איז געלאַדען —
איז דאַרף מען צום קנס־מאָל אַ פּרעהליכס פאַרפאַסען.

אַ פּרעהליכס פאַרפאַסט צו אַ קנס־מאָל, אַ ליעדעל
אַ זילבערנע חתונה איינעם׳ס באַגריסען,
אַ ערשטלינג׳ס אַ נאָמען אין גראַמען געפלאָכטען
און מזל־טוב ליעדער צו תנאים און ברית׳ן —
און ער האָט זיי פיינד געהאַט. פריהער מיט מורא,
ווי ר׳וואָלט פאַר זיין אייגענער שנאה געציטערט,
נאָר ווען ער האָט פּלוצלינג דערפיהלט, אַז זיי צאָהלען
צוריק מיט דעם זעלבען, — דאַן האָט עס פאַרביטערט
געזאָטען אין איהם מיט דער גאַליגער שנאה
און ס׳איז שוין פאַרשוואונדען די שרעק פאַר די רענדלאַך,
וואָס קומען פאַר ליעדער. אַלץ איינס וועט מען וואַרפען
אַנטקעגען דאָס געלד, ווי אַ הויפען מיט שפּענדלאַך,
און קוועלען פון נחת אויף דעם, ווי ער קלייבט עס.
און ווען ס׳האָט זיי ווידער פאַרגלוסט זיך צו לאַכען,

דאן האט ער מיט גליהענדע אויגען גענומען
פון זיי אין די הויפענס א חוזק צו מאכען.
געשצירעט די צייהן, און אין נאליגען לאכען
געפיהלט, ווי דעם אייגענעם גארגעל צורייסט ער.
און זיי האבען הילכיג געקלאפט אין די פויסטען:
— ער איז בנאמנות א מאדים, א מייסטער!
אוועק מיט די רענדלאך אין בוזעם צו ווארטען.
ביז וואנען מען וועט איהם צוריקרופען מארגען.
און ס'האבען ווי זעגען געזעגט אינ'ם הארצען.
און ס'האבען די טרעהרען אין גארגעל געווארגען.

א מעשה דערצעהלט זיך אויף גיך. נאר פארלויפען
פארלויפט זי פאמעליך דורך יאהרען און יאהרען.
און אט איז דער דיכטער שוין אלט און פארמאטערט
פון וויינען און לאכען און האסען געווארען.
צו וואס? ווערט א מענש דערפון ווענייגער איינזאם?
צי נעהנטער דערשלאגט זיך זיין וועהטאג צו וועמען?
אט געהט דא א חבר אנ'אלטער. עס ווילט זיך
איהם צוגעהן צו יענעם, ביים ארים אנגעהמען
און זאגען: ווי לעבט זיך דיר, ברודער? נאר יענער
דערזעהט איהם און קערט זיך אוועק. וואס פארשטעהט ער,
דער אייזעל? ער מיינט, אז ער וועט ביי איהם בעטען
א דרייער, ווי דעמאלט... אט קומט אן א צווייטער
און שמייכעלט אנטקעגען. א, דונער און בליצען!

וואס מיינט עס ? אט, גארנישט ! זיין ווייב איז געשטארבען,
איז — וויל ער א ליעד אויפ'ן שטיין אויסצוקריצען.
און דו ? וואס פארלאנגסטו, דו שנעק ? צו דיין כלה
א ליעדעל, עס זאל איהר פארנעהמען ביים הארצען ?
אהער די מטבע — און באלד וועט מען גראמען
דיין ליעבע פון הארצען מיט ביטערע שמארצען.
ווי קען מען זיי ליעבען ? ווי קען מען זיי האסען ?
און אפטמאל באפאלט אזא עלענדער וועהטאג
אויף זיך און אויף זיי, און עס ווילט זיך, ווי קינדער
זיי גלעטען און בענשען. צו וואס איז עס נויטיג ?
א קללה וועט גיכער דאס אויער דערגרייכען.
און איז נישט אליין איינס דען, צי בענשען, צו שעלטען ?
ווער הערט דיינע ברכות און ווער — דיינע קללות
און ווער וועט דעם וועהטאג פארביידע פארגעלטען ?
און אט איז שוין באלד נישט קיין כח געבליבען
די טעמפקייט אפילו פון וועהטאג צו פיהלען.
שא — שטיל, און די מעשה געהט אוים אהן א ניגון.
זאל זיין — ס'וועלען שאטענס איהר ביטערקייט קיהלען.

29. דער קוואַל

נעם אַנ'אייזען און אַ רידעל,
שפּאַר זיך אַז אין האַרטען באָדען,
האַק און גראַב.
וואָס דאָס אַקערן און גראַבען
וועט דיר ברענגען מיט די יאָהרען,
איז דיין האָב.

קלינגט דער שפּיץ פון האַרטען אייזען
און עס בלוטיגען די פינגער
אויפ'ן שטיין.
ס'וועט זיך נאָך דאָס לייב פאַרהיילען
ביז די יונגע יאָהרען וועלען
דיר פאַרגעהן.

יאָ, עס קומט אַלץ ווייך און ווייכער.
דאַרפסט שוין שלעפּען מיט'ן רידעל
פייכטען לייהם.
אין דעם זומפּ פון לייהם פאַרזונקען
האָסטו פאַר די מיטעל-יאָהרען
דיר אַ היים.

וואס ? שוין שוואך דער אלטער ארעם ?
ס'מאכט נישט ! גראב און דו וועסט טרעפען
געלען זאמד.
אונטער איהם דער קוואל איז נאהענט,
שנעלער גראב, ווייל נאך א ווייל — און
האסט פארזאמט.

אין דער טויטער האנד דעם רידעל
ביי דעם קוואל פון פרישען וואסער
בלייבסטו שטעהן,
און די זאמד און שטיינער קומען
און פארדעקען און פארשלינגען
דיין געביין.

30. אויף די קאַלטע בוידימער

אויף די קאלטע בוידימער
וואוינען יונגע לייט,
בלייכע, אפגעטראגענע,
גראהע פאר דער צייט.

פון פריהמארגען ביז ביינאכט
געהען זיי ארום,
זוכען זיי משיח'ן
אויף די גאסען אום.

וואו א טומעל אויף דער גאס —
כאפען זיי א ווארט.
זאמעלט זיך אנ'עולם וואו —
אפשר איז ער דארט.

טרעפט מען זיך: — באגעגענט איהם?
זאגט א צווייטער: ניין!
רייבען זיי די זוילען אפ
פונ'ם געהן און געהן.

הערט מען נישט די טריט פון זיי
אויף די הויכע טרעפ.
ווען זיי שלעפען זיך צוריק
מיט פארזארגטע קעפ.

אויף די קאלטע בוידימער
יעדער מורמעל שרעקט:
טאמער שלאפט מען איין אמאל,
און דער שופר וועקט.

הערט מען, ווי א בלעטיל רוישט,
ווי א פליגעל קלאפט.
מיט'ן ערשטען קרעה פון האהן
שוין זיך אויפגעכאפט.

לאזט מען זיך אין גאס ארײַן
בלאנדזשען אויף דאָס נײַ —
אין דער שטילער זוכעניש
גערט אַ טאָג פאַרבײַ.

שטעהען ערגעץ אַלטע לײַט
אין אַ קאַלטער שוהל,
בעטען אויף משיח׳ן
יעדען טאָג דרײַ מאָל.

און אויף קאַלטע בוידימער
וואוינען יונגע לײַט,
ווארטען טאָג און נאַכט אויף זײַן
קומען פון דערווײַט.

31. דער פּרעמדער

I — חלומות.

אין לאַנד פון די געטער, אין חלום'ען שטום
געהט איינזאַם אַ לעבעדיג יונגעל אַרום.

אויף שטעגען פאַרצווייגטע, באַרג אויף און באַרג אָפּ
אַ איינזאַמער טראָגט ער זיין אינגעלשען קאָפּ,

אַנטקעגען די געטער, וואָס קומען אַרויס
פון זילבערנעם נעבעל, צושוואָומען און גרויס,

און ס'איז יעדער איינער פאַראויס איהם באַקאַנט
אין בערגיגען לאַנד אויפ'ן הימעלשען ראַנד.

ער קען דעם, וואָס דונערט און בליצט מיט זיין פלאַם,
און דעם, וועלכער שפּאַלט מיט'ן שטעקען דעם ים.

דעם זוניגען רייטער אין פייער־גאַלאָפּ
און קעניג פון האַרף מיט דער קרוין אויפ'ן קאָפּ.

די יעגעריז קען ער, וואס יאגט מיט'ן ווינד,
און די, וואס באהאלט אויפ'ן וואסער איהר קינד.

און יענע, וואס שוימט פון די כוואליעס ארוים,
און יענע, וואס לאזט זיך מיט טאצען פאראוים.

און טאנצט פאר'ן פאלק, וואס באגלייט איהרע טריט,
ער קען יעדען איינעם אין שטילען געמיט

פון געטליכער רוה, און מיט בליקען באגלייט
דאס אינגעל די ליפען אין געטערשע רייד,

נאר הערען דערהערט ער קיין ווארט נישט פון זיי
און וויים, אז אפילו פארנעהמענדיג זיי,

די קלאנגען און רייד, וואס דאס אויער באגעהרט,
וועט ער נישט פארשטעהען וואס ער האט געהערט.

די זון געהט נישט אויף און פארגעהט נישט קיינמאל
אויף נעבעל'דיג-ליכטיגע בערגער און טאל,

און איינזאם אויף שטעגען א אינגעל געהט אום
אליין אין זיין שטאלץ, ווי די ליכטינקייט שטום.

און ווייס, אז דאָרט ערגעץ פאַרבאָרגענערהייד
פאַר איהם איז דער וואונדער פון הערען באַרייט

און איהם די ענטפּלעקונג פון געטער דערוואַרט.
ער ווייס און ער בלאָנדזשעט, אַ שטילער, און גאַרט

צו יענעם פאַרבאָרגענעם וואונדער און סוד
וואָס וועט איהם באַהעפטען מיט העלדען און גאָט.

עס איז נישט קיין מעשה, וואָס איז נישט געשעהן
און ס'איז נישט קיין זאַך פון פאַר טויזענדער יאָהר.
אַזוי איז אַ אינגעל אַ אידיש געוועזן,
וואָס האָט אין חלומות געלעבט אויף דער וואָהר.
ער איז נישט געגאַנגען אין חדר אריין
און האָט נישט קיין תפלין צו דרייצעהן געלעגט.
ס'איז עפּעס געוועזען אפילו אַזוינס,
וואָס האָט די משפחה פאַרצייטענס באַוועגט
צו לאָזען אין שפּאַניען דעם מאַנטעל און קרייז
און לויפען פון דאָרט אין דער פרעמדער טערקיי.
נאָר דאָס האָט ביי טאַטעס און זיידעס שוין לאַנג
פאַרוואַשען דער שטראָם פונ'ם ברייטען דונאַי,
און וואָס איז ביי איהם נאָך נעבליבען, איז בלויז:

דאָס אומעטיג־בויגינע שלאַנקע געשטאַלט,
אַ יחוס׳דיג־שטילער און זיכערער טראַט,
און אויגן, צוויי אויגן, וואָס קינדערש און אַלט
פּאַרטיפן זיי זיך אין באַהאַלטענעם צער
אויף עפּעס, וואָס האָט נישט קיין נאָמען און אָרט,
און בלאָנדזשען דערנאָך אין דער ווייטקייט אַוועק,
ווי טרייסט און דערלייזונג זאָל קומען פון דאָרט.
געוואוסט האָט ער יאָ. ס׳פלעגט די מאַמע אַמאָל
זיך שפּיעלן מיט זיינע פאַר׳חלומ׳טע האָר,
און דאַן זיך פון אייגענער קינדהייט אַרויס
דערמאָהנען די מעשיות, וואָס ווערן פון דור
אויף דור פון די מאַמעס צו קינדער דערצעהלט,
און זי פלעגט עס ווידער דערצעהלן איהר קינד.
דאָך נישט דאָס אַליין. ס׳האָט איהר שטימע פאַר איהם
די וועלט אין אַ שלייער פון וואונדער פאַרשפּינט,
און וואונדערליך־בלאָנדזשענדיג פלעגט ער אַזוי
אַוועקגעהן פון אונטער איהר גלעטענדער האַנד,
און ס׳האָט איהם דער קלאַנג פון איהר שטימע באַגלייט
אין איינזאַמען וואַנדער און געטערשען לאַנד.

געהויבען דעם קאָפּ, האָט ער לאַנגזאַם געשפּרייזט,
ווי איינער וואָס געהט צו אַ זיכערען ציעל
און ווייס, אַז דעם וועג מוז ער מאַכען אַליין.
עס האָבען חברים געקוקט אין געפיהל

פון וואונדער און פרעגען : וואס פיהרט איהם און וואו ?
זיי האבען פארפיהרטע זיין טריט נאכגעשפירט,
און שטיל נישט געפיהלט, ווי זיי טהוען אליין
איהם נאכגעהן אהין, וואו זיין טרוימען־טריט פיהרט.
וואוהין קען דען פיהרען א אינגעל אין טרוים ?
די וועלט איז אין סוד, ווי אין וואלקען, פארדעקט,
און וואו איז דען אנדערש, אויב נישט אין דעם בוך,
דער וועג דורך די וואלקענס צום הימעל אנטפלעקט ?
עס רייסט זיך דאס בוך דורך די וואלקענס א וועג,
עס טראגט ערגעץ ווייט אין די הימלען אוועק,
ס'פארשטעלט מיט א נעבעל פון זיידען־געשפין
די טהאלען, וואס טונקלען מיט שאטענס און שרעק,
און אויב עס פארבלייבט פאר די אויגען א פלעק
פון עפעס א שאטען — צושווימט עס ווי רויך
אין לויטערער קלארקייט, און בלאהער פון בלאה
צושפרייט זיך די לויטערע וועלט אין דער הויך.

נייז, שטער נישט דער טרוימער ! דערלאז נישט קיין קלאנג
פון אומגליק און בייז צו דערגרייכען זיין גבול !
וואס איז דען דער טאטע פאראומערט אזוי ?
דאס האט ער א טרויער געבראכט פון דער שוהל,
פון שוהל, וואס דערמאהנט אין א יובל אמאל
אז ערגעץ וואו פלאגט זיך א שטאם אין דער פרעמד —

באהאַלט עס אין שמייכעל. דערשטיק עס אין זיך,
ביז וואַן עס וועט אויסגעהן אין האַרצען פאַרקלעמט !
ניין, שטער נישט דעם טרוימער ! אַט וואַקסט ער אַ מאַן,
אַט נעהמט ער שוין שפּירען אין בלוטען דעם דראַנג
פון ברויזענדען לעבען און זוכען אין בלוט
און פליישׁ צו באַקליידען זיין וואָרט און געדאַנק.
אַט נעהמט ער שוין קלעפּען פאַר טרוימען אַ לייב.
פאַר בלוט קומען קלאַנגען, פאַר פלייש — קומט דאָס וואָרט, —
און וואו איז דאַ אַטעם און לופט פאַר אַ טרוים ?
אין בלעטער פון בוך איז דאָס אייגציגע אָרט.
ניט שטער דעם, וואָס געהט צו דער וועלט מיט'ן בוך.
ער זעהט שוין די וועלט און ער האָט זי דערקענט.
ער ווייסט, אַז עס ווימלען מיליאָנען אָרום,
וואָס געהען טאָג־טעגליך פאַרקויפען די הענט,
ער ווייסט, אַז דאָס אומגליק דערגרייכט אויך אַהין,
וואו וועכטער מיט וואַפען באַוואַכען די גאַס,
ער ווייסט, אַז דער האַס קען צופרעסען דאָס בלוט
און אפטער די ליעבע, נאָך ערגער פון האַס, —
ער ווייסט שוין, ער ווייסט פון דעם אַלעם. דאָך לאָז !
איהם ציהט צו די שניי־ווייסע בערג פון דער צייט,
און גלייך מיט די געטער דאָרט, ווייס ער אויף קלאָר,
אַז אַלץ ווערט געלויטערט אין בלאַהליכער ווייט,
און ס'טאָגט ערגעץ אייביג אין ראָזען געשפּין
אַ מאָרגען פון שטילער דערלייזונג און טרייסט.

זיין, ער וועט נישט צארנען ! פון אייביגע בערג
צו איהם קומט דער שמייכעל פון דעם, וועלכער ווייסט,
און שפּיעלט פון די ליפּען אין אומעט אראפּ,
און ס'דאכט זיך — דער שמייכעל, ווי ציערונג איהם קליידט
צום אומעטיג־שטאלצען און שענעם געשטאלט.
א ציערונג און פּראכט. און מיט וואונדער באגלייט,
מיט ליעבע באשאנקען פארפליהען די טעג
פון טרוימער, פון וואונדער, געבענשט און באגעהרט,
פארפליהען ווי וואלקענס אין גאלד פון דער זון,
וואס שפּינען א ליכטיגע נעץ פאר דער ערד.

II — צו זיך.

וואס איז דען געשעהען ? וואס געהט עס איהם אן ?
זיצט ערגעץ א איד אין א פעסטונג פארשפּארט
אוןווארט אויף אנ'אורטייל — וואס האט עס צו איהם,
וואס ער, גלייך מיט יענעם, דעם אורטייל דערווארט ?

א בלבול א בייזער... איז וואס — אויב אזוי ?
איז וועניג דען אומרעכט פאראן אויף דער וועלט ?
פארוואס האט דער בלבול, וואס געגען דעם איד,
זיין ליכטיגען שטערען מיט כמארעס פארשטעלט ?

וואס אהרט איהם דער טומעל און האס אויף דער גאס ?
וואס אהרט איהם דער פרעמדער אין פעסטונג פארשפארט ?
פארוואס מוז ער בויגען ארונטער דעם קאפ ?
וואס שטעכען די בליקען איהם דורך אזוי הארט ?

עס פלאנטערט אריין אין א גיפטיגען רינג —
און קארטשע זיך, דרעה זיך — דו וועסט נישט ארוים !
עס קריכט פון דער גאס ביז'ן טיש, ביז בעט,
עס בויערט די בעט אין דער נאכט, ווי א מויז.

עס פייניגט און זויגט... און זאל זיין, אז ס'איז וואהר,
זאל זיין, אז ער איז פון זיין טאטען א זוהן,
און טראגט פון די אור־עלטער־זיידעס דאס בלוט —
וואס האט דען דאס בלוט מיט איהם איצטער צו טהון ?

עס האט שוין ! עס וויקעלט דעם גארגעל ארום
און ווארגט מיט א שטומקייט ,וואס גליווערט און שלינגט.
און איז עס דער הילך פון די גלעקער אזוי,
בענרעבעניש־גלעקער, אין אויער, וואס קלינגט ?

— באגראבט מען עס מיך, צי דעם אידען פון דארט ?
און איז עס אלץ איינס — איך אליין און דער איד —
פארוואס געה איך אויך נישט אין פעסטונג אריין
און זיץ נישט אין קאמער אין קייטען געשמידט ?

ווי גוט עס דאַרף זיין אין די קייטען געשמידט!
מיט אייזען די פענסטער, אויף שלעסער די טהיר,
און ווענט וועלען שיצען פון ברויזענדען האַס
און שטיינערנע פלויטען פון בליקען אויף דיר.

ווי גוט איז אַ אידען אין קייטען געשמידט!
אַ וועכטער ביים טהיר און ביים טויער אַ וואַך.
באַשיצט און באַשירעמט און זיכער פון אַלץ —
ווי שטאַרק איז די שוץ פון געפענגניש־דאַך!

און דאַן האָט ער איינמאָל איז רויש פון דער גאַס
אַ וואָיען פאַרנומען, ווי ס'וואָיען פון הינד.
ס'האָט אונרוה געיאָגט און אין אונרוה פון שרעק
צום שרעק זיך געלאָזט האָט ער לויפען געשווינד:

אַ ברומענדע מחנה אנטקעגען אַ הויז,
געשרייען אין גאַרגעל און שטיינער אין פויסט,
פון פענסטער די שויבען צובראָכען, און ס'קריצט
דאָס גלאָז אין די טריט פון דער מחנה, וואָס ברויזט
מיט גאַרגעל־געשרייען: ארונטער דעם איד!
די אויגען פאַרלאָפען מיט בלוטיגען רויט,
די פויסטען, ווי האַמערס, צושטויסען די טהיר,
און שטיל איז פון הינטען, און שטיל, ווי דער טויט.

און נאך א מינוט — און זיי וועלן אריין, —
און הינטער דער טהיר וועט א טראפ נאך טראפ
זיך גיסען דאס קלעפעדיג, לעבעדיג בלוט,
ביז פאלען צום שטיינערנעם דיל וועט דער קאפ,
און די מיט די פלעקען — זיי וועלען דערנאך
פארמאכען די טהירען אין אייזערנער רוה
און געהן מיט די פלעקען דורך גאסען און שטאדט
און שמייכלען, און שמייכלען... א, גאט מיינער דו !..

עס וואנדערט דער זין אויפ'ן טויט־קראנקען בעט,
איז פיבער פון דרימעל פארפלאנטערט א קנויל
און וויקעלט ארום אזוי קלעפּיג און שטייף,
דערנאך לאזט עס אפ, און עס שוידערט א גרויל,
ווי מוראשקעס קאלטע אריבער'ן לייב.
ווי גליווערדיג ווערט ! און אט נעצט גאר א שוויים,
די זון באקט אין קאפ, עס פארשווינדעלט דאס אויג
די גליהענדע בלאהקייט, און ס'ווערט אזוי הייס
פון עולם, וואס שטופט זיך אלץ נעהנטער צום פלאץ.
געזיכטער פארברוינטע און פארביגער זייד
מיט פרענזלעך באהאנגען באציהט יעדען גליעד,
און נעהנטער, אלץ נעהנטער פון יעדווידער זייט
פארצוימען זיי ענגער דעם וועג. נאר דאס אויג
מיט אלעמענס אויגען צוגלייך איז געווענדט
אהין, וואו ביים קלאץ און צולאזענע האהר

א פרוי שטעהט. אויף הינטען פארבונדען די הענד.
און רויט איז דאס אנטהון און פנים און אויג
פון תליון, וואס שטעהט מיט די פאקעלן גרייט
אוןווארט אויף זיין האר אין א קאפעל פון רויט
און פאלדיגען בלוט־רויטען מאנטעל געקליידט.
און אט נעהמען ליארימען טאצען און פויק,
עס ברומט א טרומייט און דער בלאז־הארן שאלט,
ס'פארשווינדעלט די בליקען — — — און אט מיט א מאל
ווערט שטיל, און דער פארהאנג, א לאנגזאמער, פאלט.
ס'איז נאכט, און ער געהט פון טעאטער ארויס
אין דרויסען אין קיהלען. די פרוי ביי זיין האנד.
ער געהט ערגעץ וואו. און עס שוידערט פון קעלט,
און נעבעלדיג־פייכט איז אזוי. ווי באקאנט
עס שיינט איהם אין גראהליכען נעבעל די גאס!
וואו האט ער געזעהען די גאס און דעם מארק?
עס רוקען זיך גארענס פון הייזער ארויס.
ווי איינער דעם צווייטען זאל שטעהן אויפ'ן קארק,
און דא געהען מענשען. עס קומט אן א פרוי,
פארוויקעלט אין קליידער פון שווערען געוואנד
און פאלדיג א טוך אויפ'ן קאפ. נאר דאס קינד
איז שיינענדיג־נאקיט ביי איהר אויפ'ן האנד.
א צווייטע, א דריטע אזוי. ביי דער זייט,
פון שווערע טורבאנען און קליידער באשווערט,
באגלייטען זיי מענער. די ברעמען געדיכט

און ברייטליך צופלאטערט די גראָהליכע בערד,
פאַראומערטע שטעלען זיי לאַנגזאַם די טריט.
רבנים ! רבנים ! דאָס ווייס ער געווים !
און יענעם, דעם ערשטען, איהם קען ער פון לאַנג,
פון גאָר אַזוי לאַנג — דאָך ווי אַנדערש ער איז !
די אויגען פאַרשוואָומען, דאָס פּנים צוראַצט
און, דאַכט זיך, אײנגאַנצען אין נעבעל פאַרווישט.
דאָס האָט דאָך די פאַרב אויפ'ן לייוואַנד געפּלאַצט !
ווי אַלט איז דאָס בילד ! און פון עלטער אַרויס
די אויגען פאַרטראַכטען זיך טרויעריג־מילד
און ס'ווערט אַזוי אומעטיג־באַנגליך. שאַ־שטיל !
דער אומעט פאַרוויענט, און דו הערסט — עמיץ שפּיעלט
פון ווייטען דאָס אַלטע און הייליגע ליעד,
און ס'לעשט זיך די האַרפע אין זילבערנעם קלאַנג.
ניין ! שפּיעל נישט ! וואָס דאַרף דען די פיינדליכע ערד
פאַרנעהמען דיין היימישען הימעל־געזאַנג ?
און ס'קלינגט ווי אַ ווידער־קול נאָך איהם זיין וואָרט :
ווי קענען מיר זינגען די ליעדער פון גאָט
ביים פיינדליכען וואַסער ? . . . נאָר ס'הילכט אין דער לופט
אַ אויפריים פון ווילדען געלעכטער און שפּאָט,
עס שטעכען די אויגען, פאַרלאָפען מיט בלוט,
עס פאַכען די פויסטען, עס קריצען די ציינער,
און גליווערדיג שטאַרבט עפּעס אָפּ און פאַרגעהט
אין איינזאַם־צובראָכענעם ווייטען געוויין.

דאס קראנקע געלעגער פון טרויער דערלייזט,
און אלץ, וואס פארגעסען און אלץ, וואס דו ווייסט,
קומט ווידער צו ברענגען דערפרישונג און טרייסט.

עס פיהרט דיך אדורך דורך א ברענענדען רינג,
וואס לייטערט און רייניגט, און ס'ווערט אזוי גרינג,
און קלאר און דערגרייכבאר אזוי ווערט אלצדינג.

האסטו ווען א גאט אין דיין לעבען פארמאגט
און האסט איהם פארלארען — צוריק אמאל טאגט
זיין שיין אין דעם צווייפעל, וואס האט דיך געפלאגט.

און ביסטו צעווארפען ווי שטויב אויפ'ן ווינט, —
דאס קראנקע געלעגער די שטויבלעך געפינט
און איינס מיט'ן צווייטען אין לעבען פארבינדט.

ס'ווערט פריהלינג פון ווינטער און טאג פון דער נאכט,
און פריש פון די לויטערע הימלען געבראכט
א ווילען צו שפאלטען די הימלען דערוואכט.

און ווען ס'איז פון קראנקען געלעגער אראפ
א מענש א באנייטער, פון אומרוה נאך קראנק,
דאן האט שוין דער ציעל, ווי בעגינען א שליאך,
ארויסענטאנט העל פון זיין קלארען געדאנק :

— די וועלט האט נישט ליעב דעם, וואס האט נישט קיין היים.
זי וועט אמאל האבען א ווינקעל פאר דיר
ביים אייגענעם טיש, פון רחמנות אמאל
ארויסטראגען וואס דורך דער הינטערשטער טהיר,
נאך אייביגע קעסט־קינדער זיינען איהר פרעמד.
און ווי קענסטו טראגען דעם קאפ דיינעם הויך,
ווען ס'וויים יעדער אינגעל אין גאס, אז פאר דיר
איז ערגעץ קיין קוימען נישטא, וואס דער רויך
זאל קומען פון מאלצייט, וואס גרייט זיך פאר דיר?
און אויפגעלעבט האט שוין איז חלום דער וועג.

אט לאזען זיך באהנען פון יעדווידער לאנד,
עס שניידען זיך שיפען דורך ים'ען צום ברעג,
און אט איז די ערשטע געמיינדע שוין גרייט
ביים אייגענעם באדען. פאראויס געהט א רב
אין פוטערנעם שטריימעל און מאנטעל פון זייד,
און הינטער איהם ציהען זיך, געהען אהן סוף
באלאדענע מענער און פרויען און קינד.
עס גראבט אינ'ם באדען דער גראב־אייזען טיף,
עס קלאפען די האמערס, עס לעגט זיך א שטיין,
עס בויט זיך א הויז, — און מיט יעדווידער שיף,
וואס קומט פון די ים'ען, ווערט הילכיגער אלץ
דאס גראבען פון רידלען און האמער־געקלאנג.
און אט ווערט געפלאסטערט מיט שטיינער א גאס

אַ צווייטע, אַ דריטע נאָך איהר, און אין דראַנג
פון יענע, וואָס קומען פּאַרפּלייצען דעם ברעג,
שוין שניידען זיך וועגען דורך פעלדער און וואַלד,
שוין הילכען געדערים פון פעלזיגע בערג.
און זעהסט — אַט דער שפּיץ פון'ם באַרג דאָרט באַהאַלט
אַנ'אייזערנעם קוימען, וואָס וואַלקענט מיט רויך.
און זעהסט אַט די סלופּעס פון וואַסער אַרוים?
דאָס בויט זיך אַ בריק. און די קלעצער אַט דאָ,
וואָס ליגען צעוואָרפען — דאָס מאַכט זיך אַ הויז
דער גערטנער, וואָס האַט דאָ צוגראַבען דאָס לאַנד.
און דאָ ביי די ברעגען די באַרקעס מיט האָלץ —
דאָס האָט מען געשניטען דאָנעבען דעם וואַלד
צו בויען די שטאָדט. זעה, ווי קרעפטיג און שטאָלץ
עס וועט פון'ם בערגעל זיך הויבען די שול.
און דאָס ביי דעם וואַסער וועט בלייבען אַ פּאַרק
אין שאָטענס געדיכטע — — — בעצווינגענד און ברייט
איהם טראָגען די בליקען דורך וועלדער און בערג,
דורך פעלדער און טאָלען — עס הויבט פון'ם אָרט,
עס גליהט אויף דעם ווילען אין שמערצליכען ברען
פון וועהטאָג, וואָס בויערט, און ס'וואַקסט אין געדאַנק
אַ לאַנד אין געיעג פון דער היציגער פען.

שוין גרייט איז דאָס וואָרט, וואָס דאַרף ברייגנען אַ טרייסט
צום וואַרטען און האָפען פון טויזענדער יאָהר.

דאך ווער וועט דער ערשטער ארויס צו דער וועלט
און פיהרען דאס ווארט אויף די וועגען פון וואהר?

א פרעמדער געוואקסען, א פרעמדער געלעבט —
און ווער איז ער דען, ער זאל ריידען צו זיי?
פון וויעג ביז צום רוהם אין די וואלקענס געשוועבט —
און וואס קען ער זאגען דעם אייביגען וועה?

וואס קען דען באדייטען זיין נאמען פאר זיי,
אז צוטראגען זאל איהם א פאלק זיין געהער?
און וואס וועט מען זאגען, אז עמיצער פרעגט:
ווער איז דער דערלייזער, דער פלוצלינגער, ווער?

שוין גרייט איז דאס ווארט. און זאל הערען דאס פאלק, —
איז לויטער און אפען דער וועג אין דער פריי.
דאך וואו איז א האר און א פירשט ביי דעם פאלק,
זיי זאלען איהם הערען און נאכגעהן געטריי?

א שמייכלענדיג־רוהיגער האט דער מאגנאט
פארנומען דאס ווארט, און אין שמייכעל געזאגט:
— ניין, דאנק אייך, נישט איך וועל ארויסגעהן צו זיי.
און ווילט איהר פארשטעהן, וואס אם ביטערסטען פלאגט
פון אייביגע יאהרען דאס וואנדערער־פאלק?
עס איז נישט דאס וואגלען פון זיי. ס'איז געגנוג

נאָך ווינקלען פאַרהאַנגען און רוה אויף דער ערד.
נאָר אונזערע ברידער — זיי זיינען צו קלוג,
און ס'קען נישט פאַרטראַגן די קלוגשאַפט די וועלט.
אומזיסט אייער טרחה — זיי וועלען נישט גיין.
און שליסליך, זאָל זיין, אַז זיי גייען מיט אייך —
צי וועט איהר אַרויסשלאָגען וואַסער פון שטיין?
ווער, מיינט איהר, זאָל טראַגען די לאַסט פונ'ם וועג?
— מאַגנאַטען! — מאַגנאַטען? — און ס'האָט דער מאַגנאַט
געשמייכעלט אויף איהם. — איהר וועט קריגען פון זיי
נישט מעהר. ווי דעם ווערט פון פאַפּירענעם בלאַט
ביי אייך אין די פינגער. — דאַן רוף איך צום פאָלק,
און ס'וועט מיר מיט אוצרות אַנטקעגען אַרויס! —
דער ווירט האָט געשמייכעלט, און פיינליך־פאַרשעהמט
פאַרלאָזט האָט דער פרעמדער ס'מאַגנאַטישע הויז.

שוין גרייט איז דאָס וואָרט, וואָס דאַרף ברענגען אַ טרייסט.
נאָר ווער וועט אַרויסגעהן און טראָגען דאָס וואָרט,
ווען די, וואָס פאַרמאָגען צו טראָגען דאָס וואָרט,
באַהאַלטען זיך שטום הינטער שלעסער פון גאָלד,
מען זאָל זייער פנים נישט זעהען פון דאָרט?

צו קלוג איז דאָס פאָלק און גלייכגילטיג דאָס פאָלק!
ווי זאָלען זיי וויסען, די גאָלדענע זעק,
וואָס קענען בלויז בעטלער מיט הענט אויסגעשטרעקט.

ווי קענען זיי וויסען, פארטונקען אין לופט,
ווי ס'ווערען צום אויפלעבען פעלקער געוועקט?

זאל זיין — ער איז איינער און איינער אליין.
זאל זיין, ער איז אייביג א פרעמדער געוועז,
דאך טראגט ער, א פרעמדער, די אייביגע פיין,
דאך טאגט איהם פון אייביגער האפנונג די שיין,
און הערט מען צי ניין — אבער געהן וועט ער געהן.

III — דאס פאלק.

עס איז שוין געוועזן אין די צייטען, ווען קויהל
האט אייזערנע באהנען געיאגט אויף דער ערד.
צו רייכע אין קאטש און צו ארימע לייט
אין ארבייטער־וואגען אוועק איז דאס פערד,
און מ'האט איהם שוין מעהר נישט געזוכט פאר דער בויד
און רייטערשען זאטעל צו שניידען א וועג
פון לאנד, וואס מען קען, צום גע'חלומ'טען לאנד.
צוזאמען מיט אלע איז ערגעץ אוועק
אויך יענער באזאטעלטער שניי־ווייסער פערד,
אויף וועלכען ס'האט אייביג אין בענקשאפט געווארט
און ס'האט זיך זיין רייטער, זיין ליכטיגער האר,
פארגעסען, אין קיימען אין פינסטערער פארשפארט.
געווארט אויפ'ן רייטער און פערד האבען בלויז

פאר׳חלומ׳טע קינדער און גראָה־אַלטע לייט,
גענגליכען צו קינדער. און ערגעץ אין נאַכט
זיך אויסגעקוקט האָבען די אויגען אין ווייט
פאַר׳חלומ׳טע יונגען מיט פנימ׳ער בלייך
און ליפען פארשמאַכט, און די נאַכט האָט געהערט,
ווי ס׳רייסט זיך פון ליפען אַ שטומער געשריי:
— מיין רייטער און פערד, אַ, מיין רייטער און פערד!

מיין רייטער און פערד, אַ, מיין רייטער און פערד!
עס האָבען אונז יאָכען די אַקסעל באַשווערט
און אויגען פון וואַרטען אויף דיר אָפּגעקעהרט —
מיין רייטער און פערד, אַ, מיין רייטער און פערד!

מיר האָבען דאָך הונדערטער יאָהרען געוואַרט
אין פינסטער פאַרשטויסען, אין קעלערס פאַרשפּאַרט,
דעם חלף ביים האַלז און ביים רוקען דעם שווערד —
מיין רייטער און פערד, אַ, מיין רייטער און פערד!

מיר האָבען דאָך פיינליך גערופען צו דיר,
דורך דיר פאַר דעם שונא געעפענט אַ טהיר —
פאַר וואָס האָסטו פריהער דעם רוף נישט דערהערט,
מיין רייטער און פערד, אַ, מיין רייטער און פערד!

איצט וועסטו פארבלייבען, געבונדען די הענד.
גישטא מעהר קיין בליק צו דיין קומען געווענדט,
בלויז רוקענס אין יאוש פון דיר אפגעקעהרט —
מיין רייטער און פערד, א, מיין רייטער און פערד!

איצט האבען די קנעכט ביי דעם שונא אין לאנד
דעם שניי־ווייסען פערד אין דער ארבייט פארשפאנט,
און שווארץ און געבויגען דער קאפ זיינער ווערט —
מיין רייטער און פערד, א, מיין רייטער און פערד!

די הענד פון'ם רייטער אין קייטען געשמידט,
פארשפאנט איז דאס פערד, און עס וועט זיינע טריט
שוין מעהר נישט דערטראגען פון ווייטען די ערד —
מיין רייטער און פערד, א, מיין רייטער און פערד!

אוועק אין דער נאכט איז דער שטומער געזאנג.
אין פינסטער פארשטיקט איז געבליבען זיין קלאנג,
און טאג האט באגעגענט בארעכענטע לייט,
וואס האבען געוואוסט, אז דער וואונדער איז טויט,
און ס'וועלען קיין נסים שוין מעהר נישט געשעהן.
ווער ס'האט זיך פארמעסטען געקענט, האט געבויט
א הויז, מיט געמויערטע פלויטען פארצאמט.
ווער ס'האט נישט געקענט, האט אין מיעדקייט פון מיה

פאַרגעסען דאָס אייביגע וואַרטען, און שטום
געשפּונען חלומות פון אוועוד ביז פריה,
חלומות פון טעגליכען וואַסער מיט ברויט.
פאַרגעסען דאָס וואַרטען... און ווער ס'האָט געדענקט
אַן לאַנד פון דער האָפנונג, האָט אין זיך געשטיקט
א מורא פאַר עפּעס, און שטיל און פאַרבענקט
געצויגען אהין. ווי א קינדערשע האַנד,
וואָלט ריהרט עפּעס אַן מיט די פינגער אין שרעק,
מע'י זאָל זיין באַגעהר נישט דערקענען, — אַזוי
געפּרובט האָבען זיי זיך צו שניידען א וועג
אין לאַנד, אין פאַרלאָזטען. דערשראָקען און שטיל
מיט זוימען באַפּרוכפּערט די ווילדערניש וויסט,
און שרעק האָט מיט שאָטענס באַגלייט: זאָל א ווינט
פון ערגעץ א שטורם א יאָג טאָן — אומזיסט
איז אַלץ, וואָס זיי זייהען און פּלאַנצען אין מיה.
און בלייבט עס אין וואַקסען — צי איז עס דען מעהר,
ווי עפּעס א טראָפּען אין ים, אין דעם ים
פון אייביגען וואַגלען אָהן האָפנונג? און ווער
קען קומען מיט וואונדער און זאָל איבער נאַכט
אונמעגליכעס בויען, אַז וואונדער איז טויט,
און טויט איז פאַר וואונדער דאָס האָפען אויף טרייסט,
פאַרזונקען אין האָפען אויף טעגליכען ברויט?
אַ, וואונדער אין זאַטעל פון שניי־ווייסען פערד!
אַ, וואונדער אין שטאָהל פון פאַפירענעם בריק!

ווער וועט דאָס אומעגליכע בויען פאַר אונז,
אַז דו וועסט שוין קיינמאָל נישט קומען צוריק?

אַ וואָרט איז פון ערגעץ געקומען צו געהן
און רייסט זיך אַריין אין די הייזער און וועקט:
— ווער ס'פיהלט, אַז די וועלט איז איהם שולדיג אַ חוב,
דאָס פיהלען אין ווערטער פון ווילען שרייב אויף,
אין פיהלען פון ווילען הויב העכער דיין פאָהן,
און דאָס, וואָס דיר קומט, ביי דער וועלט געה און מאָהן! —
אַ וואָרט איז געקומען, און פרעמד איז דאָס וואָרט
און קלאַפּט אין די הערצער מיט מורא און שרעקט.

— אַנ'אומגליק! אַנ'אומגליק! וואָס וויל מען פון אונז?
שוין ברענגט מען אונז ווידער דעם כעס פון דער וועלט! —
עס טרייסלען זיך יענע, וואָס האָבען פאַרשטעלט
מיט פאַרקאַנטעם הויכע דאָס הויז פאַר דער וועלט,
עס ציטערען די, וועלכע האָבען געבויט
נאָר בלייבע חלומות פון וואַסער מיט ברויט,
און יענע, וואָס פלאַנצען באַהאַלטען די טרייסט,
זיי ברעכען די אָרעמס: מען ווייסט שוין, מען ווייסט...

דאָס שפּיעלט זיך דער שטן, וואָס נאַרט און פאַרפיהרט
צו ברענגען נאָך שווערער, נאָך האַרבער די שטראָף...
און אפשר... און אפשר, ווען אַלץ איז פאַרביי
און ס'דאַכט, אַז עס שפּרייט זיך אַ פינסטער אָהן סוף,

האָט ווידער דערמאָנט זיך זיין סטאַדע געטריי
דער אייביגער וועכטער, וואָס ווייסט נישט קיין שלאָף
און שיקט זיין שליח און רופט אין זיין שוים
די סטאַדע, וואָס געהט אין דער פינסטערניש אוים.

ווער ווייס... אפשר קומט מיט'ן וואָרט פון דער פרעמד
דער גייסט פון גבורים, דורך יאָהרען פאַרקלעהמט,
און מינטערט און לערענט: נישט צאַפּלען פון שרעק,
נישט טאַפּען אין פינסטער דעם אָפּענעם וועג,
נישט בעטלען און גנב'ענען זיך פון א זייט,
נאָר אָפען ארויסגעהן פאַר גאָט און פאַר לייט
און מאָהנען די ערד און דאָס ליכט פון דער זון,
ווי ס'האָבען אמאָל די גבורים געטון?

א טרוים אויף דער וואך אָדער חלום ביינאַכט
האָט ווידער דעם פרעמדען אהינצו געבראַכט,

וואו וואַנדערן געהן פלעגט דאָס יונגעל אמאָל.
ער שטעהט אויף א בארג, און פון אונטען, פון טאָל

צו איהם זיינען אויסגעשטרעקט הונדערטער הענד,
נאָר בעטענדע בליקען, צו איהם ווי געווענדט,

זיי קוקען אריבער אין ווייטעניש וואו
און פרעגען: ווער פיהרט אונז אהין, אויב נישט דו?

ער שיקט זיינע בליקען אין ווייטקייט אהין
און זעהט: אויף א בארג הויבט זיך אויף א רואין

פון פעלזיגע שטיינער, צושפאלטען און אלט,
מיט שוואמען און מאך איז פארפילט יעדער שפאלט,

און מאך קריכט ארום אויף דער גראהער רואין.
נאר אט פון דער גאלדיגער ליכט אויפ'ן גרין

גליהט פייערדיג־שקארלאט א בלימעל ארויס,
עס וואקסט זיך פונאנדער א גליהענדע רויז.

א גליהענדע רויז ווערט פון יעדווידער שטיין,
און אט איז די גאנצע רואינע אליין

א פלאמיגע ריזיגע בלום, און איהר דופט
אין היציגען זונשיין מאכט שכור די לופט...

און פלוצלינג א האנד איהם ביים אקסעל באריהרט,
און שטיל, ווי עס וואלט איהם ביים ארעם געפיהרט,

א קול רעדט צו איהם: ס׳איז א צייכען פאר דיר,
אזוי ווי אמאל איז געוועזען פאר מיר

דער דארן אין ברענען, וואס ווערט נישט פארברענט,
צי האסטו דעם רוף אין דעם פלאם נישט דערקענט?

הויב אויף צו די לויטערע הימלען דיין בליק
און זעה: ס׳רופט די זון איהרע קינדער צוריק.

אזוי ווי א מאמע אין ליעבשאפט געטריי
און מאכט פאר זיי בליהען די ערד פון דאס ניי.

געה, פיהר! ס׳האבען הענט נישט גערופען צו מיר —
און דא שטעהט א פאלק און עס בעט זיך ביי דיר.

ער הערט בלויז דאס קול, וואס פארשמידט איהם צום ארט,
און וויים, ווער עס רעדט. און עס ציטערט זיין ווארט:

— ווי קען איך א אויסלייזער ווערען פאר זיי,
ווען כ׳ווייס נישט די שפראך, ווי צו ריידען צו זיי?

און ס׳ענטפערט דאס קול: מיט א ברענענדער קויהל
האב איך מיר דעם גומען פארברענט אין מיין מויל,

אַ שטאַמלער געוועזן — דאָך האָב איך גערעדט! —
עס דאַכט איהם, ער הערט נאָך דאָס שטאַמלען. און בעט:

— איך בין דאָך פון אייביג אַ פרעמדער געווען —
ווי ווער איך, ווי זאָל איך זיי קענען פאַרשטעהן?

— אַ פרעמדער געקומען צו זיי בין איך אויך...
נאָר פרעמדע, וואָס קוקען אַראָפּ פון דער הויך,

דערזעהען דעם וועג, וואָס פון טאָל אַרויס ציהט.
אין טונקעלער ענגשאַפט דערזעהט מען עס ניט.

— און וואָס וועל איך טאָן מיט זיי איינער אַליין?
און ווער וועט מיר אין דער וועלט אַריין געהן?

— געה, זאַמעל צוזאַמען די עלטסטע פון זיי,
און ברענג זיי מיין וואָרט. און פון זיי באַגלייט, געה

באַטרעטען פון פּרעה, דעם קעניג, די שוועל.
אַזוי איז געוועזן פון גאָט דער באַפעהל.

— און וואָס איז דער צייכען פון מיר פאַר דער וועלט,
אַז איך בין צום פאָלק פאַר אַ פיהרער געשטעלט?

— די טייכען פון וואסער, פארוואנדעלט אין בלוט!...
נעזאגט און פארשוואונדען... און שטיל א מינוט.

עס ברענט פאר די אויגען די ריזיגע בלום,
עס ציהען זיך ארעמס, איהם בעטענדיג שטום,

און פיינליך די בליקען, וואס קומען פון זיי,
ער קעהרט זיך צום טאל און ער ענטפערט: איך געה!

וואס מאכט עס דען אויס, וואס ער פאהרט מיט דער באהן
אנשטאט אויף די קעמלען אין זאמד־קאראוואן?
וואס מאכט עס דען אויס, וואס דעם צייכען פון גאט
צוטראגט איבער לענדער א שטאהלענער דראט?
געלעבט און געטראכט מיט'ן נאר לעצטען דור —
געבוירען שוין איז ער פון טויזענדער יאהר.

א לעבען פון טויזענדער יאהר אין איהם זידט,
און פיהלט ער א בענקשאפט איהם ציהען — דאס ציהט
דער ווארצעל פון טויזענדער־יאהריגען שטאם,
וואס האט זיך צוצווייגט איבער לענדער און ים
און ציהט פון דער וועלט יעדען צווייגעל און בלאט
צוריק צו דעם באדען, וואס נעהרט איהם צו זאט.

עס ציהט יעדען בלעטעל פון ווייטעסטער ווייט —
און ווער וועט זיך שטעלען דערהערען די צייט ?
צי יאָגט זיך אַ באַהן, צי אַ קעמעל־געשפּאַן
צי שטיין צי א דראָט ברענגט די בשורה פון גאָט ?
ס'פערלויפען די יאָהרען און דורות אין רוים,
דאָך אייביג דערנעהרט זיך פון וואָרצעל דער בוים.

די שנייאיגע הויך פון די אייביגע בערג,
וואָס האָט אַלע צייטען און דורות געקענט,
זי האָט אויך דערזעהען דאָס קומען פון זיי.
דאָ האָבען זיך פאַרבען פון זייד ־ אָריענט
געקווייטעלט אויף מאַנטלען און שטראָהליגער שטיין
אין ברוין פון די פינגער געלויכטען האָט העל.
דאָ האָבען זיך מענשען, שוואַרץ ־ בערדיג און ווייס,
אין קרויזיגע היטלען פון שעפּסענעם פעהל,
גע'חבר'ט מיט די, וואָס פון איבער'ן ים
געבראַכט האָבען פּנים'ער, ביינער און הויל.
עס האָבען דאָ אויגען, פון צפון־ליכט בלאָה,
צו בליקען געשמייכעלט פון גליהענדען קויהל,
עס האָבען פאַרבלייכט קליינשטעדטעלשע לייט
געשפּרייזט מיט מאַגנאַטען פון עלפאַנטביין ־ לאַנד.
אין פראַקען אין הויכע שוואַרץ־גלאַנציגע היט
געפיהרט האָבען שטריימלען און גאַרטלען ביים האַנד.
אַ ווירבעל פון לענדער, פון דורות און שטאַנד

פון הויך און געפאלען, פון יוגענד און גראה,
איז דא צו א שטילשטאנד געקומען, און האנד
אין האנד צוזאמענגענומען, פערזאמעלט זיך דא.
א זאל—און ס'איז שטיל. צו די טרעפ אויבען אז
געצויגען אין יעדערענ'ס בליק, און ס'פארהאלט
דעם אטעם אין ווארטען. און אט אויף די טרעפ
שטייגט לאנגזאם און רוהיג ארויף די געשטאלט
פון פרעמדען, פון וואונדער. א שטורעם פון גליק
צוטרייסעלט אין פענסטער די שויבען און ברויזט
אריבער די קעפ, ווי ברומענדער וואל,
וואס קויקעלט זיך, שוימענדיג, שטויסט זיך און שטויסט
די הויכע עסטראדע, ווי ס'וואלט זי געוואלט
אויף פיצלאך און שטיקלאך צומאהלען. ער שטעהט,
א הויכער, א שלאנקער, אין שווייגען און רוה,
אזוי ווי אין שיין פון א בשורה באקליידט,
און ווארט. און עס דאכט, ווי א כוואליע אין פעלז
צושטויסט זיך דער שטורעם, און לאנגזאם פארגעהט
זיין הילכעדיג ברומען—און שטיל איז אין זאל.
טויט־שטיל, און ער רעדט:

מיינע ברידער אין לייד!

מיר זיינען געקומען צו מעלדען דער וועלט,
אז מיר אלע דא, פון דער נאהענט און ווייט—
מיר זיינען איין פאלק. אז דער וועהטאג, וואס פלאגט
אונז אלע אין יעדווידער ווינקעל אויף דר'ערד,

איז נישט נאָר אין אונז: ס׳האָט א חלק די וועלט,
און זי גלייך מיט אונז א דערלייזונג באַגעהרט.
מיר קומען אהער — און עס הויבט זיך זיין האַנד
אין שווייגענדע אטעמס פאַמעליך און רונד,
אזוי ווי ער זאָל פון די ווייטקייטען וואו
פאַרשוואונדענע דורות פאַרנעמען צום בונד —
מיר קומען אהער, אום פון הונדערטער יאָהר
פוי זיך צו פאַרווישען דעם פלאַסטער פון שטויב,
וואָס האָט זיך אין ענגשאַפט געזאמעלט, און אונז
פון זיך און פון פרעמדע באַהאַלטען. און אויב
עס פוילט אין אונז עפּעס — אַרויס צו דער שיין,
און דאָ איז דער משפט פאַר אונז פון היינט אָן.
מיר קומען אהער, אום אָט דאָ פון דעם אָרט
פון אונזער דערלייזונג צו הויבען די פאָהן!
מיר קומען — — — נאָר ס׳האָט זיך שוין מעהר נישט געקענט
פאַרהאַלטען דער שטורעם אין רוהיגען בליק.
עס האָט אויך אין איהם זיך צושמאָלצען, געברענט
מיט עפּעס, וואָס צינדט, און עס האָט זיך צוריק
דער אויסברוך צושמעטערט אין שויבען און ווענט
און ווילד זיך צושטורעמט אין פּיינליכען גליק...

פאַרנאַכט. אויף די שנייאיגע הויכען פון בערג
צוגליהט זיך די זון, און זיי ברענען ווי ליכט
פון ערב א אייביגען שבת, וואָס קומט.

עס בלאַנדזשען די אויגען אויף יעדען געזיכט,
עס בלאַנדזשען די מענשען, אַזוי ווי פאַרפּלייצט
פון יום טוב, זאָל קיינער נישט וויסען, וואָס טון
אַצינד מיט די הענד, מיט די אויגען, מיט זיך...
צי לאָזען זיך לויפען אַנטקעגען דער זון,
צי לאַכען, צי שרייען, צי יאָמערן שטיל?
און אָט איז דער פיהרער. ווי הייליג עס לויכט
פון איהם די נשמה יתרה אַרויס!
און אפשר גאָר נאָכגעהן און זאָגען: געהויכט,
געאָכפּערט און שטאַרק זאָלסטו אייביג אונז זיין!
און בענשען איהם: פיהרער, לאַנג לעבען זאָלסטו!...
ער געהט. און דאָס אויג, ווי ביי אַלעמען דאָ
פאַרלאָרען, צובלאַנדזשעט און זוכט עפּעס וואו...
וואָס זוכט ער? ער ווייס נישט. אויף יעדווידער טריט
געזיכטער, פאַרטונקען אין שאָטענס פון צער,
און אויגען פון האָפען און גלויבען צוגליהט,
אַזאַ איבערמענשליכען גלויבען! ווי טיעף
אין איהם יעדער בליק אין באַהעלטעניש דרינגט!
ווי ס'וואָלטען זיך קוואַלען געעפענט, און ער
פון קוואַלען, פון פיינליך־באַרוישענדע, טרינקט
און וואַקסט און ווערט פול און ווערט שכור דערפון.
עס ווילט זיך צו עמיצען צוגעהן און שטיל
איהם גלעטען ביים האַנד, אָדער זעצען זיך גאָר
און שפּיעלען אַ שטילע אַ קינדערשע שפּיעל...

דאָס זײַנען דאָך אידען! אַט יענער און דער
פון גאָר פון דער וועלט — יעדער אײנער אַ איד!
און ס'בענקען צו עפּעס פאַרלאָרענע הענד,
און ס'ציהען צו עפּעס פאַרבלאָנדזשעטע טריט...

ס'איז נאַכט און עס שלאָפט שוין דאָס קינד אין זײַן בעט.
ער גנב'עט זיך צו צו דעם קינדערשען בעט
און פאַלט אויף די קניה און מיט צאַפּלענדע הענט
איהם גלעט ער און ציטערט, און ציטערט און גלעט.

ער בויגט זיך און מורמעלט. און ס'קינד פונ'ם שלאָף
צועפּענט דערשראָקען די אויגען פאַרגלייזט:
— דו, טאַטע, — און ציהט זיך צו איהם מיט די הענט.
— יאָ, איך בין עס, קינד מײַנס... ווייסט, זוהנעלע, ווייסט?...

— וואָס טאַטע? — מיר זײַנען דאָך אידען, דו ווייסט?
— יאָ, טאַטע, איך ווייס עס... — אודאי, געוויס
דו ווייסט עס אַליין שוין... גוט זוהנעלע, גוט...
און גלעט איהם די אָרעמס, די לאָקען, די פּיס...

— מיר אַלע, דײַן מאַמע, דײַן שוועסטער'ל, איך —
מיר אַלע דאָ זײַנען מיר אידען, פאַרשטעהסט?
— יאָ, טאַטע! — יאָ, זוהן! — און עס שטיקט זיך אין איהם
און ס'ברעכט זיך אין אָטעם: גוט, גוט וואָס דו ווייסט...

און פלוצלונג, די פויסטלאך פון קינד ביי זיין ברוסט,
פארגראָבט ער דעם קאָפּ אינ׳ם קישען אליין.
און עפּעס צוברעכט זיך אין האלז מיט אמאָל
און ס׳צאפּלען די אקסעל אין טיעפען געוויין.

IV — געקרוינטע.

עס געהט איבער לענדער א מעשה ארום:
— די אידען — זיי האבען א מלך געקרוינט.
— די אידען? א מלך? וואו איז דען זיין לאנד,
און וואו איז דער פּאלאַץ, אין וועלכען ער וואוינט?
— ער האָט נאָך דערוויל נישט באשטימען זיין טראָן.
דאָך — זאָגט מען — אויף דאָס שוין אין גיכען פּאסירט,
און קעניגען וועט ער איז אידישען לאנד,
ווי ס׳האָט זיך ביי אידען פארצייטען געפיהרט.
— אזוי גאָר? און ווי איז דער שניט פון מונדיר
פאר זיינע הוזארען פון לייב-רעגימענט?
— נישט מאך קיין געלעכטער! דער קיסר אליין —
ער האָט איהם אלס אידישען מלך דערקענט,
און אנדערע קעניגע געהען מיט איהם.
— דער קיסר אליין? און ווי זעהט ער דען אויס,
דער אידישער מלך? — אזוי אויפ׳ן קוק
איז דאַכט זיך, א פשוט׳ער איידעלמאן בלויז.
דאָך, זאגט מען, עס ליגט ווי א כשוף אין איהם.

— און ווי ארום ווייסט מען, אז ס'איז טאקי וואהר
און ס'נארט נישט דער אידישער מלך? — וואס הייסט?
ער האט א פאפיר צו באווייזען אויף קלאר,
אז ער איז פון קעניגליך־אידישען בלוט
און ס'ציהט זיך פון דוד המלך זיין שטאם.
— פון דוד המלך?! בלויז וואונדער און גאר!
האסטו דאס פון אידען ערווארט? — מן הסתם,
אז קעניגע טוען וואס, ווייסען זיי שוין — — —
אז קעניגע טוען וואס, ווייסען זיי גוט.
און ס'געהט איבער לענדער די מעשה ארום
פון קעניג פון פרינצליכען אידישען בלוט.
פארהאלט ווער א אידען: — איז וואהר, וואס מען זאגט?
פארקוקט זיך דער איד אויף די זייטען ארום,
צושמייכעלט זיך שטיל און פארלעגען, און דאן
ערשט מורמעלט ער צווישען די צייהנער: הום־הום...

עס ווערען די שלעסער פון הערשער באוואכט
מיט וועכטער און וואפען ביי טאג און ביי נאכט.
ווי ס'היילינגען שווערדען דעם הערשער'ס באפעהל,
אזוי ווערט געהייליגט די פירשטליכע שוועל,
דאך גייסטער, ווען זיי דארפען קומען צו געהן
דאן ווערען די טירען געעפענט אליין.

ס'איז מענשליך א מענש און באוועגליך זיין גייסט.
און ווען אין דער וועלט זיך א צייכען באווייזט
פון עפּעס א שרעק, צי א נס, וואָס קומט אָן,
דערגרייכט אויך דער צייכען צום פירשטליכען טראָן,
און ס'ציטערט דער הערשער, ווען גרויל קומט צו געהן,
און בויגט זיך אין וואונדער, ווען וואונדער געשעהן.

קען זיין, אז פאר דיר פון דעם קומענדען דור
זייז פירשטליכע מאכט א גערעכעניש נאָר
פון אַלטער, פארגאנגענער, טויטער געפאהר,
און דו אין דיין פאָלק ביסט דיין אייגענער האר, —
אזוי אָבער איז עס נאָך דעמאָלט געווען,
ווען ס'האָט זיך דער פרעמדער צו זיי געזאָלט געהן.

אזוי איז דער פרעמדער געגאנגען צו זיי.
און אָפענע טירען פאר איהם האָט געמאכט
דער אור־גייסט פון זייערע זיידעס אַליין,
וואָס ער האָט מיט זיך אין די אויגען געבראכט,
דער אור־גייסט, פאר וועלכען מען ציטערט און הערט
דעם גורל, וואָס ווערט אונפארמיידליך באַשעהרט.

ווער זיינען די הערשער אין שלעסער באוואכט?
אמאָל אין א צייט ווערט געבוירען א העלד,

וואָס בויט מיט זיין כח אַ לאַנד און אַ פאָלק.
ער מאַכט פאַר זיין הערשאַפט אַ רוים אין דער וועלט,
דאַן שטאַרבט ער און לאָזט פאַר די יורשים זיין רוהם —
דערמיט זיך צו נעהרען אין דורות אַרום.

און אָט צו די אייניקלאַך שוואַכע דערגרייכט
אַ צייכען פון זיעגער, וואָס קומט פון דאָס ניי.
שוין מיעד זייגען הערשער פון קרענקליכען פאָלק
מיט שטענדיגע קלאָגען און זכות־בעטעריי,
און לאַנגווייליג ווערען די פראַגען געשטעלט:
— געהט ווידער אַ בעטלער, צי קומט עס אַ העלד?

עס געהט נישט קיין בעטלער פון קרענקליכען פאָלק
און קומט נישט נאָך שוץ, ווי אַ בעטלער ביים שוועל.
דאָס קומט צו דעם הערשער אַ הערשער אַ פריינד,
און ס'קוקט פון די אויגען און שטאָלצען געשטעל
אַ מלך, אַ שלמה אין מענליכער פראַכט
פון גייסטער אַרום, ווי פון העלדען באַוואַכט.

אָט רעדט ער באַזאַכט, ווי מען רעדט צו אַ פירשט.
נאָר ס'דאַכט — בלויז די פיינקייט פון אוראַלטען זיט —
פאַרהאַלט איהם דאָס וואָרט און פאַרהאַלט איהם די טריט.
דאָך קומט ער, געקרוינט, פונ'ם פאָלק, וואָס ער פיהרט,
אַ גרוס בלויז צו ברענגען דעם פירשטליכען ווירט.

און ס׳דאכט זיך דעם הערשער: פון יאָהרען ארוים
דער זיידע אליין איז געקומען צו איהם
און פיהרט איהם צום זיג מיט זיין זיגרייכער שטים.
און ס׳העט זיך צום פרעמדען, אזוי ווי מען הערט
צו עפּעס, וואָס ווערט אונפארמיידליך באשעהרט.

דער מעכטיגער הערשער, דער קיסר אליין
געקומען איז היינט צו באזעהען דאָס לאנד.
פון דאָרט, וואו די האָפנונג דאָרף בליהען צוריק,
זאָל ווערען דער ווילען פון קיסר באקאנט.
ס׳איז טאָג. אויף די הייזער און גערטנער פון דאָרף
די זון אין א הערבסטיגער לויטערקייט שיינט,
און מענשען א ז פרייען פארפלייצען די גאס —
דער קיסר דאָרף קומען, און יום־טוב איז היינט.
שוין יאָגט אָן א רייטער פון ווייטען: עס שלאָגט
א שטויב אויפ׳ן וועג, און דער קיסר איז נאָהנט.
עס קנאַלען די ביקסען, עס שלאָגט א טרומייט
און ווייט פונ׳ם טויער, באקראנצט און באפּאָהנט
אראָפּ צו די הינטערשטע הייזער פון דאָרף,
צושטעלט זיך אין רייהען דאָס פאָלק, און פאראויס
שטעהט ער, ווי דער עלטסטער פון ברודערשען שטאַם,
אזוי ווי דער ווירט פון א אוראַלטען הויז.
צי האָבען נישט זיי, זיינע ברידער אַרום,

באזייהט און באפלאנצט און באפרוכפערט די ערד?
אַ שטויב יאָגט פון ווייטען, עס הילכט די טריט,
און אַט האָט דער קיסר אליין אויף זיין פערד
פארהאלטען די צוים, און עס בלייבט הינטער איהם
די מחנה וואָס פינקעלט אין גאָלד און אין שטאָהל.
צום ווירט קומט דער קיסר. ער בויגט זיך אראָפּ
די האַנד צו דערלאַנגען, און הויך קלינגט זיין קול
אין וואונש און באגריסונג צום פריינדליכען ווירט.
אַ ענטפער פון הונדערטער הילכט אינ׳ם רוים:
— דער קיסר זאָל לעבען! — און ס׳ציטערט דאָס פערד
און בייסט אומגעדולדיג דאָס זילבער פון צוים.
אויף מארגען ביים קיסר אַ גאַסט איז דער ווירט.
שוין נויגט זיך דער פריינדליכער שמועס צו ענד:
— עס קוקען די דערפער דאָ בליהענדיג אויס.
— דער היימישער באָדען טוט שטאַרקען די הענד
פון אונזערע ברידער, און ווען ס׳וועט פאַר זיי
פון מעכטיגע הערשער די גנעדיגע שוץ
דעם באָדען באוואכען — וועט לעבען און בלוט
נישט ווערען געשווינט פאר׳ן הייליגען גוטס.
— ס׳איז שווער. ס׳איז דאָס לאַנד שוין פון הונדערטער יאָהר
פארוויסט און פארלאָזען. — עס ווערען נישט מיעד
די הענד, וואָס אין גראָבען דערגראָבען צו זיך
אין רוהם פון די זיידעס אויף יעדווידער טריט.

דער רוהם פון די זיידעס אויף יעדווידער שפאז.
פאר וואס אבער פאלט ער נישט צו צו דער ערד
און קושט נישט אין טרעהרען איהר שטויב און איהר שטיין,
ווי יענער, דער היילינער דיכטער אמאל,
וואס האט זי, ווי ער, צו דערזעהען באגעהרט?

ער טאר נישט און וועט נישט. ווייל טרעהרען פון פרייד —
זיי זיינען באשאפען פאר דעם, וואס דערלעבט,
די קרוין פון זיין שטרעבען זאל קרוינען זיין קאפ.
און ער האט א הער נישט צו הורבות געשטרעבט
און אויך נישט צו גערטנער, וואס זיינען פארזעהט
פון אנדערע, פרעמדע, כאטש ברידערשע הענט.
דאס לאנד וויל ער זעהען באבויט און באגרינט
פון זיינע, פון זיינע, פון אייגענע הענט,
און דעמאלט ערשט וועט ער עס קענען צוריק
און פאלען אין טרעהרען און וויינען פון גליק.

עס בליהען די גערטנער און ס'גרינען די בערג,
פון ברידער געפלאנצט — דאך נישט דיינס איז דאס ווערק.
פארמאך דיינע אויגען און קוק נישט דארויף,
ביז וואנען עס ברענגט דיך א פרייען צוריק,
אום וויינען צו קענען פון אייגענעם גליק.

די שיף טראגט אוועק און דערווייטערט פון ברעג,
צי איז נישט געבליבען אליין אויפ'ן ברעג

א כלה, וואס קוקט פון דער אפענער טהיר
און ווארט, מען זאל אויסלייזונג ברענגען צו איהר
און שליסען א בונד שוין אויף אייביגע טעג?...

מיין קעניגין־כלה! איך האב דאך אליין
די אויגען פארשטעלט, אז איך זאל דיך נישט זעהן.
איך בין ווי א פרעמדער אנטלאפען פון דיר,
איך זאל נישט דערקענען דיין שענקייט, וואס ברענט,
א משכון געפאנגען אין פיינדליכע הענד.

ווי וואלט זיך עס רוהען ביי דיר צו די פיס
אין שאטען פון בוים, וואס פארוויעגט אזוי זיס!
ווי וואלט איך געשפאנט אויף די סטעשקעס אין בערג
און זאלען די שטיינדלאך פארוואונדען ביז בלוט —
איך וואלט דאך אין וואונדען פון בענקשאפט גערוהט.

די ערד, וואו מיט הייליגקייט וועהט יעדער שפאן,
געפאנגען האט איינמאל א בייזער סולטאן,
און האלט אויך די כלה א משכון ביי זיך,
נאך ווייט איז דער פאלאץ פון בייזען קאליף —
אוי, שיפער, יאג שנעלער, טרייב שנעלער די שיף!

שוין לאנג איז פארגאנגען ס'געבעט פון בייטאג,
שוין בויגען זיך שאטענס אין דרויסען צו נאכט.

באַלד רופט מען פון טורעם צום אָווענד־געבעט —
דאָך בלייבען די טהירען פון הערשער פאַרמאַכט.
און האַרען און דיענער און קנעכט פון דער קרוין,
וואָס וואַרטען צו הערען פון הערשער א וואָרט —
זיי וואַרטען אין וואונדער: ווער איז ער, דער איד?
מיט וואָס פאַר א צויבער באַוועבט ער איהם דאָרט?
ניט אַנדערש — דער פוקס איז געפאַנגען אין נעץ!
דער ביטערער, בייזער, דער האַרטער סולטאַן
זאָל איינעם באַזעצען אין פּאַלאַץ ביי זיך,
איהם געבען א קאַטש מיט זיין אייגען געשפּאַן
און האַרען פון הויף צו באַגלייטען אין קאַטש,
אַליין מיט ברילליאַנטען באַצירען זיין האַנד,
מיט כבוד באַטיילען, ווי קיינעם פון זיי,
און בלייבען פאַרשלאָסען א טאָג נאָכאַנאַנד —
נישט אַנדערש, ס'האָט עפּעס פּאַסירט מיט'ן פוקס!...
שוין טונקעלט. עס לאָזען זיך שאָטענס אַראָפּ,
און ערשט מיט די שאָטענס ערשיינען די צוויי:
דער הערשער, און העכער פון איהם מיט א קאָפּ,
דער פרעמדער, דער אמת'ער האַר פון די צוויי.
אַוועק. און עס פאַלט פאַר זיין האַר דער וויזיר,
— דיין הייליגע גרויסקייט!... — א, לאָז מיך געמאַך!
דו זעהסט נישט — עס איז היינט א יום־טוב ביי מיר?
איך האָב היינט פאַר יאָהרען און יאָהרען צוערשט
א מענשען געזעהען, א מענשען געהערט.

אַ, וואָלט מיר, שטאָט אַלעמען, אַלעמען אייך,
נאָר איינער אַזאַ ווי דער איד זיין באַשערט! —
פאַרלירט זיך דער דיענער און טרעט אָפּ צוריק
דעם קאָפּ פאַר זיין הערשער פאַרבויגענדיג טיעף.
און יענער, וואָס האָט אויפ'ן קאָפּ פון וויזיר
געבראַכט אַהן זיין ווייסען דעם כעס פון קאַליף,
שוין טראָגט זיך פאַראויס, פון פאַרהאַלטענעם גליק
אַזוי ווי פון פלאַמען פאַרשטיקטע באַשטראַהלט:
באַלד וועט שוין אין דרויסען די בשורה אַרויס
די טרייסט פון דערלייזונג וועט אויפשיינען באַלד.

ס'איז אמת — דער שטאָלענער דראָט איז געשווינד
און יאָגט מיט דער בשורה נאָך שנעלער פון ווינט.
דאָך וואָלט זיך אַנשטאָט דעם שליח פון דראָט
געוואָלט, אַז אַ רייטער פון שטאָדט איבער שטאָדט
זאָל בלאָזען אין שופר גאָס איין און גאָס אויס,
און זאָל פון געוויקעלטען פאַרמעט אַרויס
דערגרייכען צו טויער און טירען די פרייד:
עס קומט שוין די שעה פון דערלייזונג, זי געהט!

אַזוי האָט געדאַרפט אַזאַ יום־טוב געשעהן!
פון שטאָדט איבער שטאָדט זאָלען אַנזאָגער געהן
און זאַמלען דאָס פאָלק אויפ'ן שטאָדטישען מאַרק,
און וואו ס'זיינען בערגער פאַרהאַן — פונ'ם באַרג

זאָל שאַלען דער שופר אויף געגענדען ברייט
און פיהרען דעם יום־טוב אין יובעל פון פרייד
אַהין, וואו גאָטספּאַרכטיג אין תּפלות געדרענגט
מען האָט אַזוי לאַנג צו דער בשורה געבענקט.

דער שטאַלענער דראָט איז געשווינדער פון ווינט.
געשווינדער — און אפשר שוין צו פיעל געשווינד
פאַר יענע, וואָס האָבען אונענדליך אין צייט
דאָס האָפען און וואַרטען אין גלויבען פאַרשפּינט.
און בענקען צום וואונדער, וואָס ערגעץ פון ווייט
אין גאַרטעל און קרוין מיט זיין אַנזאָגען רייט.
זאָל זיין — צי פון פאַרמעט אַרויס, צי פון דראָט —
איז דען נישט די בשורה אַ צייכען פון גאָט?

V — אַ קעניג.

יאָ, רבי און פיהרער! איך האָב דיך געהערט.
און אַט אַ צעוועהטאָגטער קום איך אַצינד
און פרעג דיך: וואוהין זאָל איך טראָגען מיין צער.
דאָס איינציגע גוטס, וואָס איך האָב זיך דערדיענט?

איך וויים — האָסט נישט איינמאָל דאָס זעלבע געפרעגט.
דאָך איז דען דער וועהטאָג אין צייהנער פאַרשטיקט
דאָס איינע, וואָס דו האָסט געלאָזען פאַר מיר,
ווען דו האָסט מיך דיין וועג צו באַטרעטען געשיקט.

יאָ, דו ביסט געגאַנגען און דו האָסט דערלייזט!
און האָט פאַר דערלייזונג דער גלויבען געפעהלט,
האָט הימעל דערצו דיך מיט וואונדער בעזאָרגט
און נסים פאַר די״ אויף די פינגער געצעהלט.

מען האָט דיך געשיקט צו א מחנה, פאַרשקלאַפט
ביי שטיינערנע קברים מיט קעלנע און לייהם,
פאַרגיטיגט זיי גלייך מיט׳ן רויב פונ׳ם לאַנד
און צוזאָג פון האָניג און מילך אויף דער היים,

דעם שונא צושלאָגען, דעם בלוטיגען ים
פאַר זייערע פוס־טריט געשפּאָלטען אויף האַלב, —
און דאָך האָט געצויגען צוריק צו די פיש
און ס׳האָט זיך געבויגען צום גאָלדענעם קאַלב.

און איך — צו די מחנות פון בעטלער צוזייהט
און קרעמער, פאַרשלונגען אין בלאַנקען פון גאָלד —
פיי די און סיי יענע פאַרבענקט נאָך די פיש —
מיט וואָס פאַר א נס האָב איך קומען געזאָלט?

קיין ים׳ען צו שפּאַלטען, קיין וואַסער פון שטיין.
און אויב ס׳איז א צייכען געוועזען — דאָס בלוט,
איז דאָס דאָך פון זייערע בכורים אליין,
פון אייגענע קינדער פון אונטער׳ן רוט.

און אויב ס'איז דער חושך אַ צייכען געווען,
און אומגליק, און הונגער, און קראַנקהייט און קלאָג, —
איז דאָס דאָך אין זייערע הייזער אַליין,
איז דאָס דאָך די אייגענע פינסטערע פּלאָג.

איז דאָס מיר דער איינציגער צייכען געווען,
מיט איהם צו באַטרעטען דעם אויסלייזונגס־וועג?
אַ צייכען, וואָס האָט זיי פאַרגליווערט דאָס בלוט
און שטום זיי דערשלאָגען אין אייביגער שרעק!

יאָ, רבי, איך האָב דיך געהערט און געפאָלגט,
און אָט, אַ דערשלאָגענער, קום איך און פרעג:
וואו זאָל איך זיך ווענדען אַצינד מיט מיין צער,
און וואו וועט מיך ווייטער בעקעהרען דיין וועג?

וואוהין זיך צו קעהרען? און דאָ ארום זיך
נאָר בליקען אין פאַרוואורף: — דו האָסט אונז גענאַרט!
דו האָסט פון דערלייזונג אַ בשורה געבראַכט,
און איצט קומט מען מאָהנען צו אונז און מען וואַרט.
וואָס ווילט איהר? צי האָב איך מיין לעבען געשווינדט?
דעם נאָמען פון פיהרער פאַר פרעמדע פאַרשעמט?
איך האָב אייך די טירען געעפענט, און גרייט
פאַר אייך זיינען באַדען און פרייהייט. געהט, נעמט!
איהר קענט עס נישט נעמען? און איך מיט מיין רוה

האב אייערע ציטריגע וועגען צושטערט.
כ'האב אייער באהאלטענעם פלאנצען פארטיימשט
און אפען געגאנגען באצווינגען די ערד.
איך בין נישט קיין גנב! איך שלעפ נישט געהיים
די ברעקלאך פון דעם, וואס איז מיינס ביז'ן ביין.
איך בין נישט קיין בעטלער! איך וועל אין מיין היים
ביי קיינעם נישט בעטען צו קאפענס א שטיין.
גענוג, זאל מען וויסען! איך, ארימער מענש,
פון פרעמדקייט א פיהרער געקרוינט איבער נאכט,
איך האב עס צו הערשער געקרוינטע דערגרייכט,
א פאלק ביז צום שוועל פון באפרייען געבראכט,
און איצט, ווען מען דארף נאר באטרעטען די שוועל,
ווייל קיינער נישט הערען און וויסען קיין זאך...
גענוג! כ'וועל אוועק אין מיין ווינקעל צוריק,
פארגעסען, פארשווינדען — און לאזט מיך געמאך!

נייז, ברודער, מען קען שוין פון דעם נישט אוועק!
פאראן אויף דער וועלט אזא בעטלעריש בלוט,
וואס בויגט דיך אין דרייען און וואַרפט אויף די קניה,
און קריכענדיג ברענט עס דיך יעדע מינוט
מיט ביטערען שמאלץ און מיט ליעבע אין גאל,
ביז וואנען ס'צופרעסט דיר דעם מארך פונ'ם ביין, —
נאר האסטו זיך איינמאל באהאפטען מיט איהם,
פארפאלען: דו וועסט שוין צוריק מעהר נישט געהן!

וועסט וועהטאָגען שטיל און זיך בויגען צו דר'ערד,
וועסט יאַכען און טראָגען מיט ליעבע דיין יאָך,
וועסט בלאָנדזשען אין פינסטער — און וואַרטען אויף ליכט,
וועסט גוס'ענען שטום — און אַלץ ווידער און נאָך
דערהויבען די אויגען צום הימעל: פיליכט!...
און ביז עס וועט קומען פון ערגעץ אַ נס —
קריך ווייטער אויף דר'ערד און באַשווינדעל דיין שטאָלץ,
פאַרגראָב דיינע אויגען, דעם נאָמען פאַרגעס,
און וואַרט ביי דער טיר פון באַדריקער און בעט
אַ שאָטען פון איינזעהן, אַ שטויבעלע זכות,
און דאַנק איהם, און דאַנק איהם, אויב ער וועט אין גנאָד
נישט אָפּשטויסען דיך פון זיין שוועל מיט'ן פוס.
שאַ, שטיל און געדולדיג! און זעהסט, ווי דו ליעבסט,
און זעהסט, ווי דו וואָלסט אויף אַ קעניג'ס אַ קרוין
שוין מעהר נישט פאַרביטען דיין אומגליק אַצינד?
זיי שטילער אין יאָך, זיי געדולדיג — און שוין . . .

אַמאָל, ווען איך האָב נאָך מיין בלוט נישט געקענט,
האָב איך ביי געקרוינטע געמאָנט אונזער חוב.
היינט בין איך אַ איד און איך וויים, וואָס איך בין —
היינט וואַרט איך אויף חסד ביים תליון אין הויף.

כ'בין נעכטען געוועזען ביים תליון צו גאַסט.
געווען איז דער תליון אַי העפליך אַי פיין.

און שמייכלענדיג האט ער גענומען מיין האנד
אין זיינע פארבלוטיגטע פינגער אריין.

דאס בלוט אויף די פינגער געוועזן איז מיינס.
איך האב זיך פארבויגען צום דאנקען באריים.
און האט פון די פליישיגע ליפען אראפ
געהארכזאם פארנומען די שמייכלענדע רייד.

און זאגען געזאגט האט דער תליון אזוי:
— אויב ס'וויל נישט דיין פאלק זיין געווארגען פון מיר,
ביי איהם איז די ברירה צו געהן אדער זיין,
און איך וועל איהם לאזען א אפענע טיר.

נאר געהן, אויב ער וויל, זאל ער געהן, ווי א מויז,
מען זאל נישט דערהערען קיין פיפס פון זיין מויל.
און הער איך א ווארט — בין איך דא אויפ'ן ארט.
אויב נישט מיט די פינגער — וועט גרייכען א קויל. —

אזוי האט מיר גנעדיג דער תליון געזאגט,
די האנט מיר געדריקט און געלאזען אליין.
איך האב זיך פארנויגט און אויף הינטען ארום
נאך אלץ א פארנויגטער געלאזען זיך געהן.

איצט קענט איהר מיך נעמען און פיהרען צום פאלק —
איך בין דאך שוין מעהר נישט קיין פרעמדער פאר אייך.

איך האָב דאָך אַ בשורה צו ברענגען דעם פֿאָלק,
און בין דאָך אַ איד, שוין מיט אַלעמען גלייך.

די גאַס, די צושראָקענע, וואָכיגע גאַס
אַ בלייכע, צוטומעלטע, לויפֿט צו דער שוהל.
שוין פֿול איז די שוהל און דער הויף, און אַרום
די געסלאַך די דעבער און פֿענסטער שוין פֿול.
מען וואַרט. פֿון די טירען פֿון שוהל קומט אַרויס
אין קיטעל און טלית דער פּרוש, דער גרייז,
וואָס האָט שוין זייט יאָהרען די גאַס נישט געזעהן.
און ווייס איז דאָס פּנים און זאָקען, און ווייס
דאָס מענטעל פֿון ספר אין זילבער געגייהט.
עס הערען זיך רעדער, אַ טומעל, און באַלד
פֿון קאַטש קומט אַ הויכער, אַ בלייכער אַרויס,
פֿאַרהאַלט זיך אין אָנבליק פֿון ווייסען געשטאַלט
און ציטערט. און ס'הערט זיך פֿון אַלטען דאָס קול:
— געבענשט ביסטו, גאַט, וואָס דו האָסט אין דיין גנאָד
צום מענש פֿון דיין כבוד און שעהנקייט פֿאַרטיילט!
זיי געהען. ער שטעלט נאָכ'ן אַלטען זיין טראָט,
אין ענגשאַפֿט און שטילקייט אַריין אין דער שוהל.
אַרויף ביז צום אָרון. עס רוקט זיך אַוועק
דער ווייסער פּרוכת, עס עפֿענט זיך שטיל
דאָס טירעל — און ס'גליווערט אַ שווידער פֿון שרעק.

און ס'הערט זיך דער אלטער:

דו, גאָט פון אברהם,
פון יצחק און יעקב! אין ציטערניש דאָ
פאַר דיר שטעהט דיין קינד און מיר אַלע מיט איהם,
וואָס האָפען צו דיר. אין דער שרעקליכער שעה,
ווען טויט האָט געלויערט אויף אונז אין דער נאַכט
און ס'האָט פון באַגינען געיאָגט אונז דער גרויל, —
ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט שוין פאַר אונז
דער קבר געעפענט דאָס פינסטערע מויל
צו שלינגען זיין רויב, — אין דער שרעקליכער שעה
האָסטו פאַר אונז ווידער באַוויזען דיין ליכט
אין קינד, וואָס פאַר דיר, און דו האָסט זיינע טריט
צו מעכטיגע הערשער און הארען געריכט,
אום לייטזעליגקייט צו דערוועקען פאַר אונז
אין הארץ פון די מעכטיגע... גאָט פון אברהם!
דו האָסט פון דיין אָרים געגאָסען אויף איהם
דיין שענקייט און חן, ווי אַ גאָלדענעם שטראָם,
אַז ער זאָל אין אויגען פון הערשער און פאָלק
באַליעבט און באַ'חנ'ט זיין, ווי דוד דיין קנעכט.
און אויב ס'איז די מאָס פון יסורים פאַרפולט,
און ס'איז פאַר דיין הייליגען ווילען שוין רעכט
צו שליסען די קוואַלען פון אונזערע לייד, —
פאַרלאָז איהם נישט פאָטער! באַשירעם, באַהיט,
און שיק איהם דיין מלאך, עס זאָלען איהם נישט

פארבלאנדזשעט פון ריכטיגען וועג זיינע טריט.
געדענק אן די אלע, וואס האבען פאר דיר
די אפענע העלזער צום חלף געשטרעקט!
פאר אונזערע קינדער, וואס האבען ערשט דא
דאס בלוטענדע לייב מיט דיין נאמען באדעקט,
פא־ אונז, וואס מיר שטעהען געבויגען פאר דיר
און ־־מען אין שטילען, פארצאגטען געמיט —
פארגעס אונז נישט, פאטער, פארלאז נישט דיין קינד,
די טרייסט פון די אויגען פארלעש פאר אונז ניט.
און איצט, ווען איך לעג מיינע הענד אויף זיין קאפ
און גיב איהם מיין ברכה — זאל זיין אז פון דיר
געשיקט איז די ברכה, און קומען מיט איהם
זאל אונזער דערלייזונג. זאל יעדער מיט מיר
דאס נאכזאגען: אמן! —

אין טרעהרען געוויקט

צוטראגט זיך דער „אמן“, אזוי ווי א ווינט.
דעם ספר דערהויבען צום בלייכען, וואס שטומט,
פארטרויט איהם דער אלטער: זאג „אמן“, מיין קינד!
ער זאגט. און מיט ליפען, מיט בלייכע, באריהרט
דאס זיידענע מענטעל, און פיהלט ארום איהם
פון בליקען פארטערטע א דריקענדע קייט.
עס ציטערט זיין אטעם און ס׳ברעכט זיך די שטים:
— מיין פאלק! זעהט, איך רייד נישט צו אייך אייער שפראך.
א פרעמדער געוועזען... געבלאנדזשעט פארבענקט.

געהויבען דעם קאָפּ, און ס'איז לעדיג און פּוסט
געוועזען אין הארצען . . . איך האָב נישט געדענקט,
אַז כ'האָב ערגעץ ברידער, דאָס בלוט פון מיין בלוט,
און מיינס איז דער וועהטאָג מיט אַלעמען גלייך.
האָט גאָט זיך דערמאָנט, זיך דערבאַרימט אויף מיר,
דאָס הארץ מיר געעפענט, פאַרפילט עס מיט אייך
און האָט מיך געשיקט אונזער הייליגען יאָך
מיט אַלעמען טראָגען. קומט, נעמט מיך מיט זיך!
פאַרלאַנגט מען דאָס בלוט — האָב איך אויך אונזער בלוט.
פאַרשטיקען אונז שרעקען — דאַן זאָל עס אויך מיך
מיט אַלעמען שטיקען. און מוז מען אָהן סוף
בלויז ביטערניש טרינקען — מאַכט אָפען דעם קוואַל,
און איך וועל איהם טרינקען פאַר אייך ביז'ן גרונד.
און וועט זיך באַווייזען אין פינסטער אַ שטראַהל —
דאַן וועל איך דער ערשטער דאָס אַנזאָגען אייך
און פיהרען אַנטקעגען. און אויב ס'איז באַשעהרט,
אַז איך זאָל עס זוכה זיין עפּענען בלויז
אַ איינציגען שטעג צו דער הייליגער ערד —
באַווייז מיר דעם פּרייז פאַר'ן זכות — און איך צאָהל.
און אויב דו פאַרלאַנגסט פון באַפרייער דעם טויט
נאָך איידער זיין אויג האָט דערזעהען דאָס לאַנד, —
איז האָב איך דאָך דיר מיינע אַנגסטען פאַרטרויט,
און ווייסט, אַז איך האָב נישט געזעהען דאָס לאַנד.
און אויב ס'איז אַ שיין פון זיין הייליגער פּראַכט.

פארבליבען אין מיר — מעק עס אויס, וויש עס אפ,
צושפרייט אין מיין מח א פינסטערע נאכט,
און לאז מיר געניסען דאס גליק פון'ם טויט
פאר זייער באפרייאונג, נאר זאלען זיי מעהר
נישט וואגלען צובלאנדזשעטע איבער דער וועלט,
ווי שעפסען פאר יעדערענ'ם חלף און שעהר! —

אנטשוויגען, פארשטומט, און געלאזען זיך געהן.
ער פיהלט קוים דעם באדען, אויף וועלכען ער טרעט.
ער זעהט נישט די פינגער, וואס ריהרען איהם אן,
און עמיצער דריקט איהם, און עמיצער גלעט.
און אלטינקע באבעס איהם קושען די הענד,
און אט בלייבט ער שטעהען פארצאמט ביי דער טיר —
דאס טראגט איהם א מאמע אנטקעגען א קינד
און בעט: — לאז איהם איינמאל א קוק טון אויף דיר!...

עס טראגט איהם. נאר ווען ער אנטלויפט פון דער שוהל,
פארהאלט איהם אין דרויסען א מחנה, וואס זידט
און שטויסט זיך צו איהם. וואו ער ווארפט מיט אן אויג —
צופילדערטע יונגען, וואס פאכען מיט היט,
און בארוויסע יונגלאך, און אלטע אין שטויב,
און ווייבער מיט קינדער ביי אפענע ברוסט,
און קליידער אין לאטעס — — — און ברוין־שווארצע הענד

פאַרנעמען איהם, טראָגען — און רייס דיך אומזיסט!
שוין איז ער אין קאַטש, נאָר עס בריקען די פערד
צושראַקען און ווילד אין דער מחנה, וואָס שטויסט
און ליאַרעמט. ער שטעהט און ער בויגט זיך און גריסט
און שמייכעלט צומישט . . . נאָר אַלץ הילכיגער ברויזט
אין רופען די מחנה . . . און אָט מיט אַמאָל
דערנעהענטערט זיך עמיצער, איינער פון זיי,
ס'פאַרהאַלט זיך די ראָד אין זיין אָרים, און פלינק
אַרויף אין דער קאַטש און עס הילכט זיין געשריי:
— עס לעבט קעניג דוד אויף אייביגע יאָהר!
פון וויטען ביז וויטען צוטראָגט זיך דער שאַל,
און ס'דונערט אַ ענטפער און קויקעלט זיך ברייט
אַזוי ווי אין שטורעם אַ הילכענדער וואַל:
— עס לעבט קעניג דוד אויף אייביגע יאָהר! . . .
און פלוצלונג — אַ גרילצענדער אויפשריי אין פיין
רייסט איבער די כוואַליע. און ווידער און נאָך,
עס שניידען זיך וועהען און הילכען אַריין,
עס הילכען געקאַוועטע פיס אויפ'ן שטיין,
עס טרעטען אויף מענשען צעיושעטע פערד,
עס קנאַקט מיט אַ פייף אין דער לופטען אַ קנוט,
עס בלאַנקט אין דער זון אַ צופאַכעטער שווערד,
עס גרילצען געשרייען און רייסען זיך ווילד —
געשריי אויף געשריי. אַ גהינום פון לייד,
וואָס פלאַקערט אוי לעשט זיך און שטאַרבט...

אין קרעבצען אויף יעדווידער ווינקעל צושפרייט,
אַנטלויפען זיי, קריכען, ווי חיות געיאָגט,
אין טירען, אויף פּלויטען, אין לעבער פאַרשטעקט.
און פּוסט ווערט אין גאַס . . . בלויז דער פערדען־פּוס בראַקט
די שטילקייט אויף שטיינער מיט רויטען באַפלעקט,
און ערגעץ וואו וויינט אויף די שטיינער אַ קינד,
און ס׳וואַלגערט זיך ערגעץ אַ היטעל, און ס׳הויבט
אַ טיכעל אין קווייטען אויף שטיינער דער ווינד
און ס׳יאָגט זיך, פאַרנומען פון רייטער אַרום,
די קאַטש מיט׳ן קעניג דורך גאַסען געשווינד.

עס יאָגט זיך די באַהן אין דער ברומענדער נאַכט.
זיצט איינער אין ווינקעל מיט אויגען פאַרמאַכט.
עס פאַלט אין דער באָרד אויפ׳ן בוזעם דער קאָפּ,
עס היינגנען די הענד, ווי נישט זיינע, אַראָפּ,
און ווען נישט דער אָטעם און צייהנער פאַרקריצט, —
דאַן וואָלט זיך געדאַכט — אַ געשטאָרבענער זיצט.

עס טרייסעלט די באַהן אין געיעג אין דער ווייט,
אַ טרייסעל די הענד און דעם קאָפּ אַן אַ זייט,
און ווידער, און ווידער — אַ שעה נאָך אַשעה .
דער הימעל ווערט גראָה און דער הימעל ווערט בלאָה,
ער בלייבט אין זיין ווינקעל פאַרגליווערט, ווי טויט,
ביז אויגען דערשפּירען דאָס וואַרימע רויט.

אין רויט פון דער זון אויף די פיס זיך געשטעלט.
ער זעהט, ווי ס'צושווימען די נעבלען אין פעלד,
ער זעהט, ווי עס פינקעלט אויף גראזען דער טוי
און ס'שטאמלען די ליפען ארויס: ווי אזוי?
מיין גאט, ווי אזוי זאל איך בעטען ביי דיר,
אז דו זאלסט דיין צייכען באווייזען פאר מיר?

און פלוצלונג דערמאנט ער זיך עפעס און זוכט
ער זוכט און געפינט — און אט האלט ער א בריף,
און ס'לויפען די אויגען פון ווארט איבער ווארט.
און האסטיג דאס הארץ, און דאס אטעמען טיעף
נאך טיעפער, געהאקטער, עס טרייסלען די קניה,
און אט מיט אמאל רייסט זיך אויס א געשריי
פון וועהטאג און פרייד, און צוריק אויף זיין פלאץ
א צאפלענדער פאלט ער און זיפצט: איך פארשטעה.
עס בלאנדזשען די אויגען פון פענסטער ארויס.
ער זעהט, ווי דאס פעלד אין פריהמארגען־שיין ליגט,
ס'באווייזט זיך א פויער, א פויגעל פליהט אז,
און פונקט, ווי עס האט זיך זיין זיידע געוויגט,
צושאקעלט ער זיך, און ער זאגט: איך פארשטעה . . .
דאס האט מיך אהערצו פארטראגען דיין האנד
צו ווייזען דאס אומגליק, און איצט, ווען איך וויים,
האסטו מיר געשיקט פון א הערשאפט א לאנד

אין ערגעץ א מדבר, פארוואָרפענע און ווילד,
און שטעלסט מיר דאָס הארץ און מיין ווילען צום פּרוב . . .
יאָ, כ׳בין שוין א איד, און איך נעם, וואָס מען גיט.
און אויב ס׳איז געווען פריהצייטיג מיין רוף
און האָסטו ווי דעמאָלט א מדבר פאר אונז,
ביז וואנען מיר זעהען די הייליגע ערד —
דער דור פונ׳ם מדבר, דאָס זאָלען מיר זיין,
אויב דאָס האָט דיין הייליגער ווילען באשעהרט .

VI — געפּעלשט.

געשרייען, געוויינען, און צאָרן און שרעק:
— מיר ווילען נישט הערען און וויסען דערפון!
— מיר זיינען באשווינדעלט! מיר זיינען פארפיהרט!
— וואָס ווילען מיר איצטער, פאַרלאָרענע, טון?
— ער האָט זיך פארמאָסטען צו וואהר ברענגען דאָס,
וואָס קיינער פאר איהם האָט צו וואהר נישט געבראַכט!
— ער האָט זיך נאָך כבוד און הערשאפט געיאָגט!
— ער האָט זיך אליין פאר א הערשער געמאַכט!
— מיט אונזער פארטרויען מיט קיסרים גערעדט!
— א וואָך זיך געמאַכט, אין פּאַלאַצען געוואוינט!
— געגאַנגען צום פאלק און ער האָט זיך אליין
פאר זייער דערלייזער און העלפער געקרוינט.
— און איצט, ווען די וואהר איז ווי בוימאייל ארויס,
באהעלטעניש זוכט ער זיך הינטער א וואנד!

— ער וויל אונז פארבלענדען די אויגען אופ׳ם ניי
מיט עפעס א פינסטערען ווילדערניש־לאנד.
— ער וויל אונז פארפיהרען אין מדבר צוריק!
— מיר וועלען צוריק אין דער מדבר נישט געהן!
— מיר האבען גענוג שוין מדבריות געהאט!
— אוי וועה אונזער מזל! וואס אונז איז געשעהן! —
געטומעל, געשרייען — און פויסט און געוויין.
און דארטען, פון וואנען מיט יאהרען צוריק
האט ער זייער שטורעם פון הילכיגער פרייד
ווי כוואליעס פארהאלטען צוריק מיט זיין בליק, —
דארט איז ער מיט איינצעלנע טרייע ארום,
געבליבען אזוי ווי א חתן פארבלייבט,
ווען ס׳איז פון דער חופה די כלה אוועק
און אומגליק דעם חתונה־עולם צוטרייבט.

און ווען ער האט מיד אין דער עלענדער נאכט
גענומען זיך פרעגען: וואס האב איך געטון? —
אריין איז אין צימער דער פרוש פון שוהל
און האט איהם געזאגט: ביסט נישט מעהר אונזער זוהן,
דו האסט אונז געפעלשט און אוועק מיט׳ן ווינד,
אז אונזערע קעפ זאלען טראגען דיין זינד.

געווייִנט האָט זייַן ענטפֿער: — ווי האָב איך געפֿעלשט,
ווי קען מען דען פֿעלשן אין אייגענעם בלוט?
איך האָב נאָר אַ צייכן געלייענט — אַ וועג
ווי רוהען צו קענען פֿון תּליון און קנוט.
— אַ צייכן פֿון שטן, וואָס לאָקערט אויף אונז
נאָך ווייסטער צו מאַכן דעם גלות פֿאַר אונז.

— עס האָט מיך די גאָס און די ענגשאַפֿט געדריקט
און דלות געקוקט האָט פֿון לעכער אַרויס.
— אין דלות באַגראָבן, אין לעכער פֿאַרשטיקט,
פֿון דורות אויף דורות אַלץ קוקן מיר אויס
דעם אָנזאָג פֿון רחמים צו ברעכן די נויט,
און ס'האָט נאָך די נויט אונזער טרייסט נישט געטויט.

— עס איז אין דער לופֿטן געהאָנגען אַ שווערד,
געפֿאַלן איז טראָפּנווייַז בלוט אויף דער ערד
און קינדער געווייִנט האָבן אונטער די פֿערד.
— גען פֿרעג ביי דעם ווינט, אויב ער האָט ווען געהערט,
אַז מיר זאָלן ערגעץ באַטרעטן אַן אָרט
און ס'זאָל אונזער בלוט נישט פֿאַרטריקנט זייַן דאָרט.

— עס האָט נאָר געזאָלט זייַן אַ אומוועג אין וועג
און ברענגען דורך פֿרייערע שטעגן אַרום.
— מיר האָבן גענוג שוין געבלאָנדזשעט ביז דיר

מיט הינטערשטע וועגען, געבויגענע און קרום.
משיח וועט געהן מיט א אפענעם וועג
און פיהרען אנטקעגען צום ליכטיגען ברעג.

— איהר האט דאך אליין מיך געלערענט אזוי:
זיך בויגען אין דרייען צום קניהען באריים,
און שטרעקען די ארעמס צו בעטלען א זכות
און ווארטען ביז וואנען א וואונדער געשעהט.
— משיח וועט קומען מיט וואונדער באצירט
און פיהרען, פון אייגענעם וואונדער געפיהרט.

— איהר האט מיך געלאזען אליין ביי דער שוועל
זיך שלאגען אזוי ווי אהן וואסער א פיש — — —
קיין ענטפער . . . פארשוואונדען . . . אוועק אין דער נאכט.
עס קיהלט פונ׳ם פענסטער א מארגען־ווינד פריש,
און ערגעץ פון וויטען א ליכטיגקייט גראהט
און לעגט זיך אריבער די דעכער פון שטאדט.

— ווער פיהרט מיך, ווער פיהרט מיך: דער שטן צי גאט?

געגאנגען בין איך, ווי א בלינדער נאך ליכט,
און ס׳האט מיך א בלינדען אהינצו געריכט.
וואו גאט האט אויף אייביג זיין זיגעל געלעגט —
און האב נישט באגריפען נאך, וואס מיך באוועגט.

ביז ס'האבען מיך קולות פון דרויסען געוועקט:
— זיין טריט ווערט פון געטליכען פייער באוועגט! —
געזוכט און דערשפירט פון די ווערטער דעם זין,
און פלוצלינג דערזעהען, ווי איינזאם איך בין.

דאן האב איך ביים גאט, וואס איך האב שוין דערקענט
א צייכען געבעטען צו שטארקען די הענד,
און ווען ס'האט מיך גנעדיג זיין פינגער באריהרט,
איצט הער איך דעם אורטייל: — דער שטן דיך פיהרט!

— דער שטן דיך פיהרט, און מיר ווייכען פון דיר! —
געווייכט אויך, ווען גאט איז געוועזען מיט מיר.
צי גאט, צי דער שטן — אלץ בלייב איך אליין.
און ווער איז אין מיר? און וואוהין זאל איך גהען?

ווער פיהרט מיך, ווער פיהרט מיך: דער שטן צי גאט?

זיי זיינען געקומען פארבלייבטע צוריק.
און ס'האט זייער מידקייט געקוקט אזוי מילד,
אזוי ווי די נאכט וואלט פארשלונגען דעם בעס
און קיהל מיט איהר אטעם דעם וועהטאג פארשטילט.
אזוי קומט צוגעהן א געליעבטע צוריק
צו יענעם, וואס האט זי אין אומגליק פארקניפט.

און זוכט פאר דעם וועהטאג א היילונג ביי דעם,
וואס ליעבענדיג פייניגט און שמערצענדיג ליעבט.
און ווען ער איז ווידער ערשינען פאר זיי,
פארגעבענדע, שטילע — דאן האט איהם געדאכט —
ער האט זיין נשמה געפונען צוריק
אין פיין פון דער שמערצליך פאר'כשופ'טער נאכט,
ער האט זיך געזויבערט אין שמערץ, — און אצינד,
ווען ס'וועט זיך פארהיילען בייביידען די וואונד,
וועט ענגער פארבינדען דער וועהטאג אין פרייד
און ס'וועט זיך פארקניפען אויף אייביג דער בונד.
נערעדט. און גערעדט. ווי פון עפעס באפרייט
א הימעל א נייעם געפונען אין זיך
און שטארקייט ענדעקט, איבערמענשליכע מאכט,
וואס קען זיך נישט בויגען . . . ווער צווייפעלט דען? איך
בין ערב פאר אייך, אז דער וועג וועט זיין גלייך!
זיי האבען געהערט, ווי צום גלויבען געוועקט
פון ליכט, פון ענטפלעקטען, און גלויבען געדורשט.
און ווען ער האט פלוצלינג די האנד אויסגעשטרעקט
און פייערליך־שמערצליך דעם נדר באלעגט:
פארטריקענט זאל ווערען דער ביין פון מיין האנד
און צודארעז זאל מיר צום גומען דער צונג,
אויב איך וועל פארגעסען דאס הייליגע לאנד! —
האט מ'עהר שוין דאס שווייגען נישט האלטען געקענט
דעם שטורעם אין הערצער, פון טרעהרען נעדרענגט

און ס'האבן געשרייען און קושען און פרייד
אין טרערן דעם נעכטיגן וועהטאג פארשווענקט.

זיי זיינען אין אויסברוך פון טרערן אוועק.
נאר שפעטער, ווען ער איז געבליבן אליין,
איז עפעס צופאלן, און ער האט אין שרעק
און אומעט געבעטן:
— מיין גאט, כ'וויל פארשטעהן,
און אויב נישט פארשטעהן, ווייז וואוהין זאל איך געהן.
עס האט מיך אין זייערע ליידן פארשמידט
אויף לעבן און שטארבן — דאך בלייב איך אלץ פרעמד
און ציטער פון מורא צו שטעלן א טריט,
ווייל כ'ווייס נישט, צי ס'וועט ביי זיי רעכט זיין, צי ניין.
ווי קען איך זיי פיהרען און ווייסען וואוהין,
ווען פריש יעדען טאג שלאגט א קוואל אין מיר אויף
און פריש יעדען טאג איז דער וועהטאג דעריין,
און אנדערש דער שטראם, וואס פארנעמט זיך פון קוואל?
און ווי קען מען לעגען א וועג פאר זיי גלייך,
ווען טיעף און געהיים זיינען זיי, ווי דער ים
אין שטייגען און פאלען מיט כוואליעס צוגלייך.
זיי ווייסען אליין נישט, וואו ס'טראגט זיי דער שטראם,
און ווי זאל עס קענען דער פרעמדער פארשטעהן?
און וואלט איך אוועקגעהן — מיט וואס זאל איך געהן,

ווען אלץ, פונ׳ם בלוט ביז׳ן מארך פונ׳ם ביין
איז בלויז א פּקדון, און זייערס איז אלץ.
איך וואלט ווי א גנב אוועק מיט מיין זעעל,
באהאלטען זיך וואו אויף א רגע׳לע רוה —
פון ווייטעסטען בארג און פארבארגענסטער הייל
די גנבה אליין וועט מיך ברענגען צוריק.
מיין גאט! . . . ווייז מיר וואו מיין מזבח זאל זיין!
די טעג, וואס איך לעב און די נעכט, וואס איך וואך,
מיין בענקען אין לייד און מיין אטעם אין פּיין —
וואו זאל איך עס טראגען פארברענען פאר זיי,
אז ליעב זאל דער קרבן און אנגעלעגט זיין?

VII — פרידען.

עס קלאגט זיך די מאמע: — דו ביסט אזוי יונג,
און זעה, וויפיעל זילבער שוין דא אין די האר!
— מען קען דאך נישט, מאמע, זיין יונג מיט א פאלש,
וואס צעהלט שוין אנ׳עלטער פון טויזענדער יאהר.

עס קלאגט זיך די פרוי: — זעה, דעם שטערען ביי דיר
אין קנייטשען צוגראבען, און מיד ווי דו ביסט!
— דאס שניידט זיך דאס גליק אויף מיין שטערען א וועג,
און ווייסט דאך, אז גליק וויל נישט קומען אומזיסט.

עס קלאַגן זיך קינדער: — מיר בענקען אַזוי,
און ווילסט גאַרנישט וויסן און זעהן אונזער צער.
— איך אויך, מיינע קינדער, פון בענקשאַפט געה אויס —
ווער גאָט אונז שוין אַלעמען טרייסטען דערפאַר.

איך אויך . . . און עס בויגט זיך דער קאָפּ אַזוי שווער.
— כ׳וועל בלייבען אַ ווײַלע און קומען צו זיך.
און דאַן, זעהסטו קינד, מוז מען לויפען צוריק
און עהען דעריאָגען די צייט אין דער גיך.

עס רייסען די באַהנען די פליגלען פון ווינד
פון גראַהליכען נאָרד צו דעם זוניגען זיד.
עס שווינדען די טעג, ווי פון באַהנען געיאָגט,
און ס׳ווייס נישט די נאַכט, ווען דער אָווענד פאַרפליהט.
אַט נאָר וואָס דעם פּאַלאַץ פון קעניג פאַרלאָזט,
און מאָרגען שוין ערגעץ פאַר הונדערטער מייל
געקלאַפּט אין דער טיר פון אַ האַרטען מאַגנאַט
און ווידער זיך ערגעץ געיאָגט אין געאייל.
וואָס מידקייט? ווער אַפּרוה? עס פיבערט דאָס אויג,
נאָר טונקעלער גראָבט זיך דאָס בלייכע געזיכט
און שווערליכער פאַלט אויפ׳ן באַדען דער טראָט.
צי דאַכט דיר נישט, ברודער, אַז דאָס האָט אַ ליכט,
אַ וואַקסענע ליכט, ווי צו נעילה פאַרנאַכט

פונאנדערגעברענט זיך און גליהט אזוי העל,
ווייל קורץ איז דער טאג און די שעה איז געצעהלט.
און ס'יאגט שוין מיט קיהלקייט פון טונקעלען שוועל?
דאס ווייס נאר דער אווענד, וואס בויגט זיך צו נאכט.
דאס ווייסען די שאטענס, וואס פאלען ארום, —
דער פלאם אבער פלאקערט און ראנגעלט זיך העל,
ביז וואנען דער פינסטער פארגליווערט איהם שטום.

עס ווייס נישט דער פלאם, און עס ווייסען נישט די,
וואס באדען די זינדיגע קעפ אין זיין ליכט.
ביז וואנען עס טרעפען זיך אויגען מיט איהם,
און ס'קומט די ענטפלעקונג פאר זיי אומגעריכט,
אז גרייט איז דער שאטען שוין הינטער'ן ליכט.

נאך איינמאל דארף טרעפען דער פרעמדער זיין פאלס,
נישט ברען אזוי, פרעמדער, נישט פלאקער צו העל!
עס ליגט נאך דיין נעכטיגע זינד פאר דער שוועל
און ס'איז נישט די טבע פון ביטערען פאלק
צו זעהן דעם בעל־תשובה אהן זינד אזוי שנעל.

זיי זיינען געקומען פאר אלע מאל שוין —
מיט גאליגע רייד און באהאלטענעם פויסט —
ארונטערצורייסען פון פרעמדען די קרוין,
און זאל ער, מיט זייער פארטרויען געגרויסט,
נייעט האלטען זיי מעהר, ווי א מלך אין פויסט.

און אַט איז דער פּרעמדער, צום אורטייל בּאַריים.
פאַר וואָס אָבער קומט נישט די גאַליגע שטראָף?
וואָס טוליען זיי זיך, ווי פאַרלאָזענע שאָף,
און דריקען זיך איינער צום צווייטען געפּלעפּט,
ווי זינדיגע קינדער אין שרעק פאַר דער שטראָף?

ער שטעהט, ווי געקומען פון ערגעץ אַ וועלט,
וואָס טונקט זיך אין אייביגען טויטליכען צער.
דאָס פּנים פאַרשרומפּען אין גרויקייט פון אַש,
און ס'קוקען די אויגען אויף זיי אַזוי שטאַר,
ווי ס'וואָלט זיי פאַרשלונגען דער טויטליכער צער.

און פּלוצלינג דערזעהט מען אַ שאָטען־געשטאַלט,
וואָס הינטער'ן רוקען ביי איהם זיך באַהאַלט,
און שאָקעלט און שאָקעלט אויף זיי מיט'ן קאָפּ,
מיט גרימיגען שמייכעל באַגיסענדיג קאַלט —
און ס'בויגט זיך דער פרעמדער און ציטערט און פאַלט.

זיי קאָרטשען זיך איין, ווי אין אייזיגען צוואַנג,
און ס'ברעכען זיך קניהען אין שטומען פאַרלאַנג
צו פאַלען און בעטען פאַרגעבען ביי איהם,
און אפשר ביי יענעם, וואָס שטעהט הינטער איהם,
און אפשר ביי יענעם וואָס שטעהט הינטער איהם . . .

שוין פרידען געשלאָסען אויף שטענדיג אצינד.
און מוז מען דערפאַר אויפ'ן שמערצליכען בעט
מיט אפרוה באַצאָהלען — וואָס קען מען דען טון?
מען מוז זיך דאָך אויסרוהען, פריה אדער שפּעט.
באַהאַלט זיך ניט, שאָטען, איך הער און בין גרייט.
ס'איז וואָהר — ביסט געקומען אביסעל צו פריה,
און כ'צווייפעל אויב איך האָב שוין ווירקליך פאַרדיענט
אַ פריידליכען אפּרוה ביי דיר מיט מיין מיה.
נו, וועל איך זיך דינגען אביסעל מיט דיר.
דו וועסט עס מיר מוחל זיין. ווייסט דאָך — אַ איד...
אַט בין איך אינגאַנצען שוין דיינער. דו ווילסט —
פאַרנעמסטו מיין אָטעם און כ'געה מיט דיר מיט.
איז קענסטו דאָך גוט זיין צו מיר. הער מיך אויס:
פאַרצייטענס געווען איז שוין איינער אַ תם,
וואָס האָט זיינע ברידער פון קנעכטשאַפט אַרויס
מיט נסים געפיהרט דורך אַ טרוקענעם ים,
און ס'איז איהם, ווי מיר, נישט געוועזען באַשערט
אַ גאַנצער צו קומען מיט זיי ביז'ן סוף.
און האָט ער זיין חלום צו זעהען באַגערט,
האָט גאָט אויף אַ באַרג איהם גענומען אַרויף
און דאָרטען געוויזען, וואָס ער האָט געוואָלט.
ס'איז יענעם אין אַלעם געגאַנגען ניט שלעכט.
און איך — איך זאָל בעטען דעם זעלביגען גנאָד —
ביי וועמען צו בעטען עס ווייס איך נישט רעכט.

ווי האבען מיין בידנע נשמה אזוי
געשליידערט ארום צווישען שטן און גאט.
אז כ'ווים נישט מעהר ווירקליך, צו ווען כ'געהער,
חוץ דיר, וואס דו קענסט מיר נאך טון דאס גנאד.
דו ווענסט דאך ערפילען מיין לעצטען באגעהר
און לאזען פון וויטען כאטש זעהען דעם ציעל.
געדענקסט דאך דעם אפמאך: וואס נעהענטער אהין —
אלין נעהענטער צו דיר, און עס איז שוין נישט פיעל.
און ווען עס וועט קומען די רעכטע מינוט.
פארהאלט מיך ביים ארעם און ווארען: שוין צייט!
דאן האב איך נאך אפשר צו זאגען א ווארט,
און שפעטער שוין פריי זיין פאר דיר און דער ווייט.

ידי טעג זיינען ליכטיג אין בלומען און גרינס.
עס דרימעלט א צווייגעל, עס וויעגט זיך א בלאט
און זונשיין פארדרימעלט. ווי לאנג, אך, ווי לאנג
איך האב אזא שטילקייט פון רוה נישט געהאט!
א שמעטערלינג פלאטערט פון בלימעל צו בלום.
יא, קינד, ס'האט אמאל פון דעם זוניגען בלאה
געפלאטערט דאס יונגעלשע הארץ אויך ביי מיר,
געפלאטערט, ווי דו און דער שמעטערלינג דא.
עס האבען אויך דאמאלס די ביהנען געזוממט
און זומערנע פעדרלאך געגרילט אינ'ם גראז.

און ס'האט מיר די מאמע די לאקען געקרויזט
און שטיל, א פארטראכטע, דערצעהלט עפעס וואס
פון געטליכע לענדער און אייביגען ליכט,
און ס'האט איהר דערצעהלען פארפיהרט אזוי זיס . . .
אט זעה איך אצינד נאך דאס וואונדערליך לאנד,
און כ'וועל עס אמאל דיר דערצעהלען, געוויס!
נאר איצט איז דער טאטע שוין מיד. וועט דאס קינד
אוועקגעהן און לאזען א קראנקען צו רוה . . .
עס וויעגען זיך בלעטער אין שטילקייט און זון,
ס'פארוויעגט — און עס מאכען די אויגען זיך צו . . .

דורך טאלען און בערגער אין אייביגען לאנד
דער שטאמלער פון סני פיהרט איינעם ביים האנד.

פרעגט יענער: — מיין רבי, וואו פיהרט אונזער גאנג?
— צום בארג פון דער צוקונפט, וואו ס'לעבט דיין פארלאנג.

— מיין רבי, איז ווייט נאך אהינצו דער וועג?
— די אייביגקייט צעהלט נישט קיין שעה'ן און טעג.

— עס איז נישט פאר מיר, נאר פאר די אויף דער ערד,
און ס'הענגט איבער זיי יעדע ווילע דער שווערד.

— דעם בונד, וואס דער שווערד איז דעם לעבען צורייסט,
פארוועבט מיט זיין אטעם דער אייביגער גייסט.

— און ווי קענסטו צוזעהן דאס אייגענע בלוט,
ווי שקלאפען געטריבענע אונטער דער רוט?

— פארשקלאפט און באפרייט זיך, באפרייט און פארשקלאפט —
ס'האט שקלאפען און פריי זיין דעם זעלביגען האפט.

— איך האב פון דיר אנדערע ווערטער געהערט,
ווען דו האסט צום פאלק מיך געשיקט אויף דער ערד.

— עס דרעהט זיך די אייביגע ראד אהן א סוף,
דארף זיין אויך א שעה, ווען א מארגען טאגט אויף.

דורך בערגיגע שטעגען געקומען צום בארג,
און ס'שטעהען שוין ביידע ביי איהם אויפ'ן קארק.

שטרעקט אויס אין דער ווייטען דער שטאמלער זיין האנד:
— צי קענסטו פון דאנען דערזעהען דאס לאנד?

צוגליהען ביים פרעמדען די שווארצאפלען ברייט,
ער קוקט אין דער ווייט נאך דער האנד און ער זעהט...

— —

ער קוקט אין דער ווייטקייט, פארשלונגען פון זעהן,
און פלוצלונג איהם דאכט זיך, ער הערט א געוויין.

— מיין רבי, דיין ווייגען אצינד וואָס באַדייט?
— אויך איך האָב אַמאָל זיי פון קנעכטשאַפט באַפרייט . . .

שוין פרידען געשלאָסען. אין פרידען און זון,
אין איינינקייט גאַנץ און געפיהרט פון דער פאַהן
אַ מחנה פון טויזענדער, טויזענדער שפּרייזט,
און פילט אַלע גאַסען און דורכגאַנגען אַן,
און ציהט זיך געשלאָסען, געטריי נאָך דער פאַהן.

דאָך וואו איז די פאַהן, און איהר פלאַטער ווער זעהט?
עס זעהט זי נישט קיינער, עס וועהט נישט די פאַהן.
זי ליגט אויף אַ קאַסטען אַ שוואַרצען פאַרשפּרייט,
און ס'ציהען דעם קאַסטען פּאַמעליך די פערד.
עס קומט אַן אַ ווינד און וויל הויבען אַ ברעג,
נאָר שווער איז די פאַהן און פאַלט ווידער אַוועק.

און ס'געהען פּאַמעליך די פערד זייער וועג.
די פערד געהען שטיל, און אַ מחנה נאָך זיי
פילט שטיל אַלע גאַסען און דורכגאַנגען אַן.
מ'האָט פרידען געשלאָסען. אין פרידען און זון
אַ מחנה קען שפּרייזען געטריי נאָך דער פאַהן.

32. דער לײמענער גולם

אין מיטען גאס, אין מיטען מארק,
האט מען פון שטײן און לײם א בארג
א גולם אויסגעבויט.
מען האט געפארבט איהם װײס און גרוי,
מען האט געפארבט איהם הימעל־בלוי,
מען האט געפארבט איהם רויט,
ביז ס'האט א פארב א פארב פארװישט
און די קאלירען אויסגעמישט
צום געלען לײם צוריק —
דאן האט מען צו די פיס און הענד,
צו פינגער, ארעם, קניה און לענד
איהם צוגעבונדען שטריק —
און װער ס'האט געװאלט האט געצװיגען א שטריקעל,
געטאנצט און גערופען צום עולם:
— אט באלד, מיר פארכאפען פון שטריק נאך א שטיקעל,
איז אונזער דער לײמענער גולם.

אַז שטעהט ער אויף זיין הויכען אָרט,
מיט שטריימעל, פּאות און אַ באָרד,
אין אַ טלית איינגעדעקט,
דער שפּיץ פון באָרד אַרויף געווענדט,
און די צונויפגעלעגטע הענד
צום הימעל אויסגעשטרעקט.
אַז שעהרט מען איהם די פּאות אָפּ
מען פּאַסט אַריין אין הוט זיין קאָפּ,
די אַקסעל אין אַ ראָק,
אַ שוואַרצען שניפּסעל צום פּאַסאַן,
ביים זייט אַ הימעל־בלויע פאַהן,
אין האַנד אַ וואַנדער־שטאָק, —
און ווער עס פּאַרכאַפּט איהם דער ערשטער — דער ליאַרעמט
מיט שמחה אַרוים צו דעם עולם:
— עס האָט זיך זיין האַרץ שוין מיט לעבען דערוואַרעמט־
זאָל לעבען דער לייטענער גולם!

דאַן קומט אַ מחנה זיך צונויף,
מען ציהט די אַרבעל איהם אַרויף
ביז אַקסעל־ביין ענטבלויזט,
אין האַנד — אַ פאַהן פון רויטען בראַנד,
און פון דער צווייטער פרייער האַנד
צונויפגעדריקט אַ פויסט,
ביז פון אַ ווינקעל ערגעץ וואו

א נייע מחנה רוקט זיך צו
צו זיי מיט א געשריי,
און צו דער ברעניג־רויטער פאהן
א צוקער־ווייסע קניפּט מען אן —
איז — פאכט ער שוין מיט צוויי.
און ווי נאר די פאהנען פון ליארימען וועהען,
דאן שריים מען ארוים צו דעם עולם:
— ער געהט שוין די זוימען פון פייער פארזייהען,
זאל לעבען דער ליימענער גולם!

דאן קומען אן פון וואו א לאנד
מיט בונטע פאהנען אין דער האנד
געטרייע אלערליי,
מיט לייב און אדלער, וואלף און בער
אין שילד פון קרייציגען געוועהר,
וואס פלאטערען פון זיי.
און ווער עס וויל — דער קניפּט איהם אן
זיין לייב און אדלער אויף דער פאהן
און לאזט עס העכער וועה'ן.
ביז אין דער דעק פון פאהן און שילד
ווערט ער אינגאנצען איינגעהילט,
ווי ס'וואלט נישט ער געוועז. —
און ווי נאר א ווינטעל צופאכעט די פאהנען,
דאן רייסט מען זיך נעהנטער צום עולם:

— דאָס געהט ער די קריוודעס פון פאָטערלאַנד מאָנען,
זאָל לעבען דער ליימענער גולם!

אין מיטען גאַס, אין מיטען מאַרק
האָט מען פון שטיין און ליים אַ באַרג
אַ גולם אויסגעבויט.
ווער ס'קומט אַפריהער קליידט איהם אָן
און שטעקט אין האַנד אַריין זיין פאָהן,
צי ווייס, צי בלוי, צי רויט, —
ווער ס'קומט דערנאָך — דאָס ערשטע רייסט,
איז — הענגט עס פון איהם פאַסענווייז
פון פאָהנען, קלייד און שיך.
און אויב ס'פאַרבלייבט אַ גאַנצער פּאַס,
דאַן קומען איינגלעך פון דער גאַס
און רייסען עס פאַר זיך —
און די, וואָס פאַרנייהען מיט לאַטעס די לעכער —
זיי רייסען זיך נעהנטער צום עולם,
און יעדערער מיהט זיך צו שרייען אַלץ העכער:
— ס'איז אונזער דער ליימענער גולם!

33. ווילט זיך אין האַנט אַריין...

ווילט זיך אין האַנט אַריין נעמען אַ שטעקען,
לאָזען זיך ערגעץ אַוועקגעהן אַליין —

אפשר וועט הימעל און ערד וואו ענטפלעקען
דאס, וואס עס לאזט זיך אזוי נישט פארשטעהן . . .

— קינד איינער, וואו וועסטו געהן?

ס'האט מען נעקענט נאר אין ביכער פארצייטען
זוכען אנ'אפּרוה אין וואנדערער־טריט.
ס'וועט דיר קיין הימעל און ערד נישט פארבייטען
דאס, וואס עס האט דיך אין וועהטאג פארשמידט.

— אבער איך בין אזוי מיד?

— האסט דא דאס מילך פון דער מאמען געזויגען,
האסט דא פארזוכט פון דיין האניג און גאל.
מעגען ווער ווייס וואו דיך טראגען די אויגען,
וועט עס דיך ברענגען צוריק צו דעם קוואל.

— אבער איך בין אזוי מיד . . .

האלטען און פעסטער צום לעבען פארקניפּען,
שמידען פון דיר אין זיין האנד א געצייג.
טיפער דער וועהטאג — פארביים דיינע ליפּען,
געה, וואו דער טריט וועט דיך פיהרען — און שווייג!

34. דו — דאָ

וואָס קען איך טון מיט דיר דאָ?

האָב איך אַליין דאָ קיין היים נישט געפונען,
בין איך אַ פרעמדער ביי זיך אויף דער גאַס —
איז דאָך עס מיינס, און אויב ס'פּלאָנטעט מיט באַהאַלטענע
טרויער פאַרשטיקטער און עלענדער כעס —
איז דאָך עס מיינס, און אין ליעבשאַפט און האַס
בלייבט דאָך עס אייביג מיין אייגענע גאַס.

מוז איך טאָג־טעגליך מיט עלענד זיך שפּייזן,
האָב איך אַליין דאָך גענומען דעם יאָך.
האָב איך גע'ירש'ענט אַ „גם זו לטובה" —
זאַלב פאַר די וואונדען פון איטליכען בראָך,
האַלט מיך דער שטאָלץ מיט'ן טראָגען דעם יאָך,
ס'גליק מיט דער טרייסט, וואָס וועט קומען דערנאָך.

דו אָבער ביסט דאָ ביי אייגענע כלומרשט
פרעמדער, ווי דאָרטען, וואו אַלץ איז זיך פרעמד.
האָט עס דיר גאָרנישט צו געבען פאַר עלענד,
האַלט עס דיך בלויז אין דעם וועהטאָג פאַרקלעמט,
איז דאָך שוין בעסער ביי פרעמדע פאַרשעהמט
איידער ביי אייגענע בלאָנקען זיך פרעמד.

וואָס קען איך טון מיט דיר דאָ?

35. זאָגט לאַורא

עס מוז דאָך פלאַצען דאָס געדולד
ארומצוטראָגען זיך טאָג־טעגליך מיט א וואונד,
און וואו דו קומסט, און וואו דו געהסט
זי אויפדעקען פאַר יעדערן: דו זעהסט —
אויף דיר די שולד,
פון דיר די וואונד!

איך קען עס ניט!
זאָל זיין — ס׳איז זייער שלעכטס.
נאָר כ׳וויל נישט קומען מיט קיין קרעכץ
דאָרט, וואו עס שוימט אויף טישען דער געטראַנק
און ס׳הילכט געלעכטער און געזאַנג
אויף יעדען טריט
אין יום־טוב קלייד
און ווילדער פרייד.

מען זיין — איך טראָג א וואונד.
מען זיין — עס איז מיין בלוטענדיגער בונד

אויף אייביק אייביקייט
מיט אלע די, וואס וואגלען אין דער צייט
פארבענקט, פארשמאכט,
ווי שאטענס אין דער נאכט,
נאר איך וויל טאג און פרייד
און יום־טוב קלייד!

זיי האבן שלעכטס געטון?
איז וואס דערפון?
דאך שפּיעלען קענען זיי און זינגען,
און לאכענדיק פארקלינגען,
פארפּלאנטערן אין ווירבעל־ווינד
פון זונעדיגער זינד
און איינשלינגען אין שכור'קייט
ביז תענוג־לייד.

דו זאגסט — ס'איז נאר א שטראהל
ביז וואנען כ'פאל
און ווער פון זיי צוטראטען ווי א שפּין אין גראז.
איז וואס?
איך וויל נישט זייער גוטס
און וועל נישט קיינעם רופען נאך קיין שוץ,
ווען כ'ווער אין שכור'דיגע הענד
אויף אש פארברענט.

אז נישט דערלעבען זאלען זיי
צו הערעי מיין געשריי!
נאר אויסגעהן טאג אויף טאג
צו יעדען טראגענדיג מיין קלאג —
דאס וועל איך נישט!

דו הערסט — איך קען נישט, קען [illegible] נישט!

36. זייער ליעבע

קען זיי, כ׳וועל צו זיי נאך אליין אמאל שטרעקען
אין פרידען מיין האנד.
עס וועט זיך פארווישען דער גרויל פון די שרעקען
פאר זייערע פלאמען און שווערד.
עס וועט זיך פארלעשען דער פייער פון שאנד,
און טרוקען וועט ווערען דער קוואל פון׳ם קלאג,
וואס האט זיי באפרוכפערט די ערד,
ביז ס׳וועט זיי דאס הארץ אפשר איינמאל א טאג
פארגעבען דעם אייביגען וועה.
נאר איינס, וואס איך וועל, אזוי לאנג ווי כ׳וועל לעבען,
קיינמאל ביז די שערבלאך פון גרוב נישט פארגעבען,
נאר איינס — איז די ליעבע פון זיי.

די ליעבע פון זיי
צו אונזערע עופ׳עלאך קליינע, וואס ווערען
פון וויעגען ארויס
געטראגען צו זיך אין גאטספארכטיגען שוים.
עס וואכט איבער זיי בארמהערציג די רוט
און וואשט זייער אונשולד אין טרערען,
ביז וואנען די שנאה צום אייגענעם בלוט
צופליסט זיך אין לייב, ווי א אונריינע קרענק.
און דאמאלס, נאך ליעבע א טראפען פארבענקט,
פארוואגעלט, ווי די מיט דער קרעציגער הויט,
אין האסען זיך שטום
פארוואגעלטע בלאנדזשען זיי אום
און בלאנדזשע: צום טויט . . .

די ליעבע פון זיי
צו אונזערע יונגע בחורים, וואס בענקען
פון היימישען הויז
צום צויבער פון דופטיגע פעלדער ארויס.
עס ציהען זיך ארעמס ברייטהארציג אנטקעגען
ביים זוים פון די ליכטיגע וועגען,
און אויגען, פול צוזאג, און הויפענס מיט גליק.
נאר קוים ווערט פארשלאסען דער וועג אויף צוריק —
ווערט פרעמד דאס באצויבערטע פעלד,
עס פאלען די אפענע ארעמס אוועק,

און פרעמד צו דער פרעמד און צו אייגענע פרעמד,
פארבלייבן זיי וואגלער אהן שטעג —
דער שטויב פון דער וועלט.

די ליעבע פון זיי
צו אונזערע טעכטער מיט אויגן, וואס קוקן
אריבער דעם צוים
און זוכן און גארן דעם ריטער פון טרוים.
זיי קומען, די ריטער, מיט שפיעל און געזאנג,
זיי שפיעלן, ביז ס׳פאלט אין די פינגער דער פאנג —
דאן נעמען זיי צערטליך און נאגן איהם אויס
און לאזען איהם ווייך פון די פינגער ארויס.
און דאס, וואס איז איינמאל געפאלן אין שטויב,
וועט יעדן פארבייגעהער קומען אין האנד —
פאר יעדן א רויב.

דער שווערד, וואס איז איבער׳ן לעבן געהאנגען,
געבראכט האט דעם טויט.
דער וועהטאג און שאנד האט דורך דורות געבויט
א פעסטונג פון האס און פון וועה.
נאר זייערע ארעמס, מיט ליעבע באצירט,
זיי האבן נאר קינדער אין פרעמדקייט פארפיהרט
און דארטען געלאזען זיי הויל,
אפילו דאס לעצטע פארנומען ביי זיי —
די קללה פון מויל.

אין טאָג, ווען דו וועסט זיך אַז משפּט דערמאָנען
און קומען צום סוף
צו צאָהלען די שטראָף —
נישט בלוט און נישט לעבענס פון זיי זאָלסטו מאָנען!
נאָר אויפמאָנען זאָלסטו דאָס עלענד פון קינד,
וואָס זיי האָבען וואָגלען געטריבען.
ווי שטויב אויפ׳ן ווינד
אין ליעבע און ליעבען.
מיט ליעבע באַצאָהל,
באַצאָהל זיי מיט לייד און רחמנות צו זיי.
און ווען כ׳וועל אַמאָל
אין זיבענטען גלגול דערהערען דעם וועה
פון זייערע היימלאָזע, בלאָנדזשענדע טריט,
וועט איינגעשטילט ווערען דער אומרוה, וואָס גליהט.
און דאַנקענדיג דיך וועל איך געהן צו מיין רוה
און וויסען, אַז דו ביסט עס דו.

37. די שפּראַך

אַמאָל ווען דו ביסט נאָך אַ קינד געווען,
האָסטו פאַרבלאָנדזשעט אומגערן צום מאַרק,
צום אַלטען מאַרק פון אייער שטאָדט, וואו ס׳שטעה׳ן
פאַרצאָגטע אידענעס מיט קערב פון עסענוואַרג.

פון אויבסען, פיש און קרייטיכער, און דארט
האסטו פון ערגעץ וואו געכאפט א זידעל־ווארט,
וואס איינע האט דער אנדערער געשיקט אין כעס
צוליעב א אויסגענארטען קונד. און יעדעס מאל,
ווען דו דערהערסט פון יענער גאס,
דערמאנסטו זיך א הייזעריגען קול,
א פרעמדען ווארט — און לאז דיך שוין געמאך
מיט יענער לעבערליכער שפראך!

און ערגעץ וואו פארגעסען אין א עלענד הויז
דיין מאמע זיצט און וויינט זיך אויס
די אויגען איבער בלעטער פון אנ׳אלטען בוך
אויף יענער שפראך. וואס האט זיך דיר דערקענט
אין גאס־געשריי און פיש־גערוך.
און ברעכענדיג די אויסגעדארטע הענד,
ביים גאט פון איהרע מאמעס בעט זי פרום,
אז וואו דיד זאל נישט גרייכען איהר געבעט,
זאל דיך זיין גוטער מלאך שיצען אומעטום
און צוגרייטען א אפרוה־בעט,
און בעטען בעט זי איהם אין ארימען געמיט,
ער זאל פון אייגען שלעכטס באוואכען דיינע טריט.

האסטו דען ווען עס איז געטראכט,
אויב עס ווארט אויף דיר א ווינקעל רוה

און ס'איז באַשערט אַ שטילע אַפּרוה־נאַכט, —
איז נישט אין זכות פון דיר, נישט דו
האָסט עס ביים גאָט פון דיינע וואַגלונגען פאַרדינט.
דאָס האָט אַ מאַמע אויסגעבעטן פאַר איהר קינד
אין וויינענדיגע מוטערליכע רייד
אויף יענער גוטער שפּראַך, וואָס האָט פון בייז באַשיצט
דיין באַבען, אַלטער־באַבען און די גאַנצע קייט
פון מאַמעס און פון קינדער, ביז דער טאַכטער איצט,
וואָס זוכענדיג אַ ווינקעל אויף דער ערד,
האָט אוים'ן מאַרק אַליין איהר מאַמעס שפּראַך געהערט.

38. אַ מעסער

געוועזען איז אַמאָל אַ שוועסטער דיינע.
זי האָט דעם פיינד אין הויז צו זיך געבראַכט,
מיט מילך געשפּייזט און אין די אָרעמס זיינע
אַ גאַנצע שטורעמדיגע נאַכט געוואַכט.
און ווען עס האָט, אַ מידען איהם, דער שלאָף באַצוואונגען,
איז זי פון איהר געלעגער אויפגעשפּרונגען,
און מיט זיין בלוט, וואָס איז פאַרשפּריצט געוואָרען,
געלאָזט באַצאָהלען איהם פאַר אַלע יאָהרען,
פאַר אַלץ און אַלעמען, און פאַר דער לעצטער נאַכט,
און פאַר דער ליעבע־בעט, וואָס זי האָט פאַר אַ טויטען־בעט געמאַכט.

ווען גאָר דער פּיינד זאָל בלויז איין קאָפּ נאָר האָבן,
וואָלט איך אַ מעסער צווישן דיינע קישענס איינגעגראָבן
און וואָלט געלאָזט ביינאַכט דיר עפענען די טיר.
און מאָרגן פריה וואָלט איך אַרויס אין גאַס מיט דיר,
מיט דיר און מיט דעם רויט־געפאַרבטן מעסער —
און אין דעם שטורם, וואָס וועט ווערן גרויס און גרעסער,
וואָלט איך מיין קול דערהויבן הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:
— דאָס איז די טאָכטער אייערע, וואָס האָט פאַר אַלע טרערן,
פאַר גאָר דער שאַנד און וועה פון נעכטן און פון היינט
מיט בלוט געלאָזן אָפּצאָהלן דעם פיינד.
און מיט זיין בלוט, וואָס איז פאַרשפּריצט געוואָרן,
געלאָזט אָראָפּשווענקען די אומריינקייט פון יאָהרן,
פון אַלעמען, פון זיך אַליין, און פון איהר לעצטער נאַכט,
און פון איהר ליעבע־בעט, וואָס זי האָט פאַר אַ טויטן־בעט געמאַכט.

איך ווייס אָבער, אַז איינגע׳שכור׳ט פון באַגעהרען,
וועסטו אַליין אַנטשלאָפן ווערן.
און ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן באַגינען,
וועט דיר דער מאָרגן־דרימעל אַלץ נאָך שפּינען
די שכור׳ע חלומות. נאָר דו וועסט שוין זיין אַליין,
און פון די קישענס וועט אַרויסקוקן אַ מעסער ריין,
און אויף זיין בלאַנקען שאַרף וועט שפּיעלן זיך די זון...
און זאָג — וואָס וואָלט איך דען דערנאָך מיט דיר געטון?...

39. איך ווייס אַז דו וועסט אונטערגעהן...

איך ווייס, אַז דו וועסט אונטערגעהן.
און נישט מיט קיין געוויין,
נישט מיט קיין שבעה־טרויערן
וועל איך דיין אונטערגאַנג באַדויערן.
אַזוי ווי ס'וויינען נישט די פויערן,
ווען פעליענדיג די גרינע בייטען,
צוטרעטען זיי די ווילדע קווייטען
און רייסען אויס די פרעמדע גראַזען, —
אַזוי וועל איך אויף דיר קיין טרער נישט לאַזען.

איך ווייס — נישט שולדיג איז דאָס ווילדע בלימעל
ווען ס'האָט דער זעלבער בלאָהער הימעל,
די זעלבע בליהענדיגע ערד
איהם נישט באַשעהרט
אַ זאַנג צו וואַקסען צווישען זאַנגען.
נאָר וועסטו דען פון אַקערער פאַרלאַנגען,
אַז ווען ער געהט אַרוים און היט
פון פעלד זיינעם דעם שניט,

זאָל ער מיט ווילדע קרייטיכער פאַרדאַרבען
די קומענדיגע גאָלדנע גאַרבען?

איך וויים, אַז איבער יענער ביים,
וואו מען האָט מיך און דיך פאַרזייהט,
אַנ׳אייביגער און אַ גערעכטער
שפּרייזט אום דער וועכטער,
און זיינע אויגען קוקען שאַרף און ברייט,
און זיינע פינגער זיינען יעדע ווײלע גרייט
אַרויסצורייסען פון די זאַנגען דאָס,
וואָס האָט פאַרוואַנדעלט זיך אין ווילדען גראָז.
און אייביג זאָל געבענשט זיין און געפּרייזט
זיין שטאַרקע האַנד, וואָס רייסט!

איך וויים, אַז דו וועסט אונטערגעהן,
און ס׳וועט מיין אויג נישט פייכטען קיין געוויין.
נאָר איך אַליין,
ווען עס וועט אָנקומען די צייט פון קלייבען,
וועל איך נישט מיט די גאָלדנע זאַנגען בלייבען,
וואָס העפטען זיך צונויף אין גאַרבען
דעם טויט פון אייביגקייט צו שטאַרבען.
אַליין, אַ איינזאַמער, וועל איך צו דיר דאַן קומען,
און צווישען אָפּגעפאַלענע, צופליקטע בלומען,
מיט אייך צוזאַמען וועל איך צעהלען באַנג
די טעג פון אייער אונטערגאַנג.

40. ביסטו אַ וואַנדרער...

ביסטו אַ וואַנדרער — קום נישט אין הויז.
קוקט פון אַ פענסטער אַ פּנים אַרויס,
לאָקט דיך אַ בליק מיט'ן צוזאָג פון גליק, —
קענסטו זיך אומקערען מאָרגען צוריק,
וואַרטען אין דרויסען און דאַנקען מיט לויב
אויב ס'וועט זיך עמיץ באַווייזען אין שטויב.
נאָר נישט פאַרגעס, אַז עס איז נישט פאַר דיר,
זוך נישט קיין איינגאַנג־טיר, זוך נישט קיין טיר.
זאָל זיין, אַז דו ביסט פאַרמאַטערט און שוואַך,
ביסטו אַ וואַנדרער — זוך נישט קיין דאַך.

יעטווידער הויז האָט אַ מענשען, וואָס בענקט.
קומט אַז אַ וואַנדרער — דאַכט זיך — ער ברענגט
ריחות פון דופטיגע גערטנער און פעלד,
דאַכט זיך, אַז ער איז עס דער, וועלכער פעהלט.
טוט זיך באַהעפטען די בענקשאַפט אין איהם,
בויט זי איהר שלאָס פון פאַרלאַנגען אין איהם,
קלאַמערט זיך אַן, — און אַט, וואַנדרער, זעה:

ביסט שוין נישט איינער, נישט איינער. נאר צוויי.
מארגען, ווען דו ווילסט אין וועג אריין געהן!.
מוזטו א לעבען צוברעכען אויף צווייען.

יעטווידער הויז האט א מענשען, וואסווארט.
דאכט זיך דעם וואנדערער — דאס, וואס ער גארט,
וואר עס אויף איהם, און זיין שטילער באגעהר
האט, ווי מיט וואונדער, געבראכט איהם אהער.
רוהט ער ביים היימישען פייער, וואס ברענט,
ווארימט זיין בענקשאפט און ווארימט די הענד,
לאזט ער זיך זינקען אין היימישען גליק —
ווי'רען איהם אפגעשוואכט הענד און געניק.
וואנדערער! ערגעץ דער מארגען שוין גליהט —
פעסט מוזען זיין פאר'ן וועג דיינע טריט.

שטארק דיינע ארעמס, די טריט דיינע פעסט!
ביסט נישט קיין פויגעל, וואס בויט זיך א נעסט,
האסט נישט קיין פליגעל, וואס ווארימען זיס —
היט פאר'ן שטייניגען וועג דיינע פיס.
פאלסטו אין היימישען ווינקעל אריין,
ברעכט זיך דארט אלץ, וואס עס קען נישט זיין דיין.
קען נישט און וועט נישט זיין דיינס — ניט פארגעס.
ווער ס'קען נישט בויען — דעם טרעפט נישט קיין נס.
זאל זיין, אז דו ביסט פארמאטערט און שוואך —
ביסטו א וואנדערער — זוך נישט קיין דאך!

41. דער משפט

מען וועט אונז ביידע ברענגען פאַר דעם משפט.
און דער, וואָס האָט באַשטימט דעם מענטשנ'ס וועגן,
וועט פון זיין טראָן אַראָפּ דיך פרעגן:
— פאַרוואָס האָסטו פון מיר זיך אָפּגעווענדט?
פאַרוואָס האָסטו מיין לויטערן געשאַנק
ביי פרעמדע שוועלן ביז־לעבעדיק פאַרשווענדט,
און איצט, אַ כלה, וואָס צו קיינעם ניט פאַר'קנס'ט,
דיין זיווג זוכסטו, אַז ער זאָל דיין ביטערן געטראַנק
מיט דיר צוזאַמען טרינקען, און די לאַסט
פון דיינע וואַגלעדיקע טראַגן?
דו וועסט דעם קאָפּ אַראָפּלאָזן און וועלן זאָגן:
— מיין גאָט, איך האָב דיין נאָמען קיינמאָל נישט געוואוסט,
כ'האָב נישט געוואוסט, מיט וועמען און וואוהין צו געהן,
און יונג אַליין, און דורשטענדיק אַליין
בין איך געגאַנגען דאָרט, וואו ס'האָט געפירט די לוסט. —
וועסט וועלן ענטפערן, נאָר ס'וועט דאָס וואָרט פון גומען
דאָס ציטערדיגע וואָרט נישט קענען קומען.
וועט ער צו מיר אין צאָרן זיינע בליקן ווענדן:
— דו, וואָס דו ווייסט, אַז דו ביסט נאָר אַ שאָטן

און געהסט פארביי נאך איידער ביסט דערגאנגען —
צו וואס האסטו דעם שוועל פון איהר באגעהר באטראטען?
ווער האט באפוילען דיר, דו זאלסט מיין קינד פארבלענדען
מיט פאלשען שיין פון ליכט און ליידיגע פארלאנגען
און לאזען זי דערנאך מיט ביטערגיש פון גאל זיך קוויקען?
נאר איך וועל ענטפערען אין זיינע צארן־בליקען:
— דער גאט, וואס האט זיין פאלק צוזייהט אויף זיבען ים'ען,
און נישט געלאזט פאר זיי קיין אייגען טייכעל רינען,
וואס האט דאס קינד אין וויעג באשאנקען מיט א מאמען
און שפעטער נישט געלאזט דעם וועג צו איהר געפינען.
אויף יעדען שטעג און וועג צעוואָרפענע, ווי בלעטער,
אין יעדען דורכגעהער געפינען מיר א רעטער,
און ווער עס וויל — דער נעמט און ווארפט צוריק אנידער.
זאל זיין — א פרעמדער נעמט, זאל זיין — עס נעמען ברידער,
נאר ליעבער איז א וויי'ל אין פרעמדען שויס,
ווי אייביג וואגלעניש אהן שוועל און הויז.
און ווען עס טרעפט א קינד פון דיר א קינד פארמאטערט,
און בלייבט אין מיטען וועג מיט איהר — און פלאטערט —
קום ווייז, ווי נישט צו נארען די באגעהרען,
ווען דו האסט וואנדער־צייכענס אויסגעזיגעלט אויפ'ן שטערען!
אזוי וועט זיין מיין ענטפער אין זיין צארן.
ער וועט דעם קאפ אראפלאזען און גארנישט זאגען,
און פון זיין בליק, אין טיעפעניש פארלארען,
וועט ערגעץ אפשר אונזער מארגען נעמען טאגען.

42. ביים ים

I

ווינטען יאגען, כוואליעס טראגען,
און דער ים איז גרויס.
נעהמט א איד פון שפאניען זוכען
זיך א נייע הויז.

האט זיין שוועל און טיר פארלאזען,
וואו פון גאלד געשניצט
האט א פרעמדער גאט זיין לעבען
פאר דעם פלאם באשיצט.

האט זיין מזל אפגעגעבען
אויפ׳ן ווינט׳ס באפעהל —
אפשר וועט ער איהם דערטראגען
צו א פרייען שוועל.

רייסט דער ווינט דעם ווייסן זעגעל
פון דעם זעגעלבוים,
שניידט די שיף די בערגער־כוואַליעס
אינ׳ם ווייסן שוים.

קרעכצט די שיף, די הערצער צאַפּלען,
און עס וויינט אַ קינד:
— טאַטע, וואָס וועט פון אונז ווערן
אינ׳ם שטורמווינט?

— פאַר זיין ליעבן נאָמענ׳ס וועגן
זיינען מיר אוועק,
וועט ער אונז בשלום ברענגען
צו דעם רעכטן צוועק.

רייסט אַ ווינט די שוואַרצע כמאַרע,
פאַלט דעם שטורם איין,
אויפ׳ן ים דורך שטיקער וואָלקן
פאַלן פאַסן שיין.

רינצעלט זיך דאָס שטילע וואַסער
אין דער שיפ׳ם געיעג,
מיט׳ן פרישן זונענאויפגאַנג
קומט דער פעלזנברעג.

ווי דער ווייסער שוים צושפּריצט זיך
אין דעם פעלזענבאַרג!
— ווי אַ פעלז איז אונזער פעסטונג
אין זיין נאָמען שטאַרק.

אין זיין ליעבען נאָמען קומען
מיר אין לאַנד אַריין,
וועט ער אונזער שטאַרקע פעסטונג
און באַשיצער זיין.

II

זעהסט, ווי די כוואַליעס צושטויסענע זידען,
שפּריצען און שוימען ביים פעלזיגען ברעג?
דאַ צו דעם ברעג האָט פאַרצייטענס אַ אידען
איינמאָל פאַרטראָגען דער וואַנדערער־וועג.

ווייסע פּאַלאַצען מיט מאַרמאָרנע זיילען,
שטענען געפּלאַסטערטע אונטער די טריט —
ס'האָט נאָך דאַ וויסטקייט פאַשפּרייט זיך אויף מיילען,
ווען ס'האָט דעם באָדען באַטראָטען דער איד.

האָט ער די פעלזען אויף שטיינער צושניטען,
האָט ער די בוימער אויף קלעצער צוזעגט,
האָט ער אין לאַנד, אין דער וויסטקייט געריטען,
זיינע באַהאַלטענע אוצרות ענטפּלעקט.

זיינען זיך מענשען צוזאמענגעקומען
האקען די בוימער און שניידען דעם שטיין,
האבען דעם סוד פון די אוצרות פארנומען,
טיעפער געלאזט זיך אין לאנד אריין געהן.

טיעפער אין פעלדער און וואלד מיט'ן וואגען,
ווייטער אין לאנד מיט'ן שיף אויפ'ן טייך —
האט מען דעם האנדעל אויף שטעגען צוטראגען,
איז מען געוואקסען פון ווילדערניש רייך.

זיינען ביים בויען פון הילצערנע שטיבער
פריהער פארשוואלען געווארען די הענד,
האט מען מיט זיידען־דיוואנען דעריבער
שפעטער פארהאנגען פון פאלאץ די ווענט.

זעה, ווי זיי שטעהען אין מארמארנע צייל ען
איבער געשטעלען פון פעסטען גראניט.
ווען עס זאלען נישט האלטען די זיילען —
דו קענסט דא שפרייזען מיט זיכערע טריט.

ווען עס זאלען נישט האלטען די זיילען,
קענסטו דא שפרייזען מיט זיכערע טריט:
איבער אונענדליכע ווילדערניש־מיילען
האט דא דער ערשטער געטראטען דער איד.

III

געבליבן איז א קליינער פּאַרק
דעם אידענ׳ס נאָמען טראָגן.
אויף סטעשקעס און אויף בענק פון שטיין,
פון ווינט און זון צושלאָגן,
דאָרט לויפן קליינע קינדער אום
און ס׳זיצן אַלטע לייט, —
נאָר ס׳ווייס נישט קיינער אין דעם פּאַרק —
זיין נאָמען וואָס באַדייט.

געבליבן איז א קליינע שוהל
דעם אידענ׳ס נאָמען טראָגן.
קומט ווער עס איז אַמאָל אין יאָהר
אהין א קדיש זאָגן,
דערזעהט ער אויף א מאַרמאָר־ברעט
א נאָמען אין דער זייט
און ער פאַרגעסט א טראַכט צו טון:
דעם נאָמען וואָס באַדייט.

און הינטער גראַטעס אַפגעצאַמט,
מיט גרעזלאַך אויסגעצוואָגן,
געבליבן איז א קליינער שטיין
דעם אידענ׳ס נאָמען טראָגן.

און ס'בלייבט אמאל א פרעמדער שטעהן,
וואס וואנדערט פון דער וויים,
און פרעגט ביים אפגעמעקטען שטיין:
דער נאמען וואס באדייט ? . . .

IV

איך, א אייניקעל פון יענע,
וואס אין קאלטע צפון־לענדער
האבען זייער הויט געביטען
און די שווארצקייט פון די אויגען
אויסגעבלייכט ביז קיהלער גראהקייט, —
איך, א ווייטער אפשטאם אפשר
פון ביזאנטישע אנוסים,
וועלכע האבען פרידענסדורשטיג
אין די לענדער פון די כוזרים
זייער בלוט פארמישט מיט גרים, —
איך, א ווייטער, שטעה עם איצטער
פאר דיין עלענדער מצבה
און איך בעט, אז דו זאלסט העלפען
צו באשיצען די ירושה
פון אברהם אבן עזרא
און פון שלמה בן גבירול
און יהודה בן הלוי

און פון אלע זיידעס דיינע
פון דעם זוניגען האלב־אינזעל,
וואס דו האסט אליין פארלאזען,
אום אויף נייע וויסטע וועגן
די ירושה צו באשיצען.

איינגעצאמט אין אייזען־שטאנגען
האבען פרעמדע דיינע ביינער,
ווי מען צאמט ארום סקעלעטען
פון די אויסטערלישע ברואים, —
און דורך אייזערנע שטאכעטען
לייען איך די האלב־פארמעקטע
אותיות אויף דיין שטיין צוקאפענס
און איך פרעג: ווי קענסטו רוהען,
ווען דאס אלע, וואס האט פון וואוילטאג
דיך אין ווילדערניש געטריבען
איז צוריק אין שטויב פארשטויסען? . . .

נישט קיין פייערן און שרעקען
האבען דיינע קינדער׳ס קינדער,
ווי פארצייטענס דיך, געצוואונגען
צו באהאלטען די ירושה.
ס׳האט די לינדע זון פון פרייהייט
און די ווארימקייט פון וואוילטאג

איהר געדעכעניש צושמאלצען,
און ווי לייכטע ראסע־נעבלען
אין דער הייסער זון פון מארגען
איז צערונען דאס געדענקען.
ביז אליין, אין שטויב פארגעסען,
איז געבליבען אלץ, וואס דיינס איז,
ווי עס בלייבט אין שטויב דאס אלטווארג
פאר די בעטלער אויפצוקלייבען.

מיר פון קאלטע צפון־לענדער,
ווי פארצייטענס דו פון דרום,
זיינען עס געווען די בעטלער
אויפצוהויבען די ירושה
אין דעם שטויב און מיסט פון אלטווארג.
הונדערט טויזענדער, מיליאנען
בעטלער ביים ווארשטאט און נאדעל,
בעטלער מיט'ן קארב אין דרויסען,
בעטלער ביי די פרעמדע טירען
זיינען מיר אויף ברייטע כוואליעס
אנגעקומען עס צו טראגען.
און געדאכט האט זיך — פון פעקלאך
פון די פליסענדע מיליאנען
וועט א הויכער טורם שטייגען
און א בארג ביז אין די וואלקענס.

און פון אונזער באַרג אַרונטער
אויף די בעטלער־פּעק דערהויבענע
וועט דיין פיינפולע ירושה,
ווידער שיינען, ווי פּאַרציימענע.

ניין, די לינדע זון פון פרייהייט
און די וואַרימקייט פון וואָוילטאָג
האָט צוביסלעכווייז די פּעקלאַך
פון די פּלייצעס אָפּגענומען.
נישט קיין באַרג, נאָר בערגלאַך קליינע
אין די שמאָלע הינטער־הויפן
זיינען אויפ׳ן מיסט געבליבן.
און דיין ליכטיגע ירושה
ערגער, ווי אין טויט און שרעקן,
ערגער, ווי אין שווערד און פייער
ווערט אין וואַרימקייט צושמאָלצן
און דערוואָרגן אין דער פרייהייט.

אַלטע שמות, ווי אַנטיקן,
שוהלען פאַר די קדיש־זאָגער
און פאַרגעסענע מצבות —
איז דען דאָס געווען דיין ווילן,
ווען דו האָסט דיין היים און וואָוילטאָג
און די קברים פון די זיידעס

אין פאַרגעסענהייט געלאָזען?
ביסטו דען פאַר דעם אין טויט־שרעק
אין דער פינסטערניש באַהאַלטען
צו דער זעגעל־שיף געלאָפען
און מיט בייזע שטורמווינטען
פאַר׳ן לעבען זיך געראַנגעלט?
האָסטו דאָס פאַר דעם די וויסטע
מיט די הענד אַליין געאַקערט,
זיך געבראָכען אין די וועלדער
און געבלוטיגט ביי די פעלזען?
און אַצינד, ווען מיר, די ווייטע,
לאָזען זיך, ווי דו פאַרצייטען
איבער שטורעמדיגע וועגען
נייעם באָדען אויפצוגראָבען, —
זיי אונז מוחל, וואָס מיר וועלען
דיך אין פרעמדען קבר לאָזען,
ווי דו האָסט געלאָזט די זיידעס
אין די קברים צווישען פרעמדע.

ווי אַמאָל פאַר דיר די זיידעס
זיינען זיך געגאַנגען מיהען —
גיה אויך דו פאַר אונז אַצינדערט,
אז דער וועג זאָל אונז באַגליקען
און צום לעצטען האַפען ברענגען.

צו דעם לעצטען, לעצטען האפען.
אלע זיינען מיר געבוירען
אין פארגעסען צו פארזינקען.
אין דער מאמע׳ס שוים נאך האט מען
אונז דעם אויער צוגעבויערט
צום אשאק פון דער ירושה —
זיינען מיר פון מוטער׳ס בוזעם
ביז צום קבר איהרע דיענער,
און אין קבר שוין פארגעסען
געהען מיר נאך אלץ אין הימעל
פאר די אייניקלאך זיך מיהען,
טרייע קנעכט פון זיי צו מאכען.
וועלען מיר, ווי דו, מיט יאהרען
ערגעץ וואו פארגעסען בלייבען —
און די טרייסט פון לעצטען האפען
איז די טרייסט פון שטילען קבר,
וואס פארוואקסען און פארשאטענט
פון דער בליהענדער ירושה
זאל אזוי פארזונקען ווערען,
אז עס זאל אונז מעהר שוין קיינער
פון פארגעסענהייט נישט וועקען.

V

עס דרעהט זיך די ראָד פון דער טייוועלשער מיהל,
און ס'איז נאָך דער מיהלנער נישט זאַט מיט זיין שפּיעל.

אַ פאַל צו דער ערד, אין דער לופטען אַ הויב —
און דורות אויף דורות צומאַהלט עס אויף שטויב.

די אויגען פון שטויב פון די דורות שוין בלינד —
און שטעהט נאָך און דרעהט נאָך די ראָד אויפ'ן ווינט.

פון בלוט איז דער אַלטער שוין שכור ווי לוט —
און שטעהט נאָך און דרעהט נאָך כּסדר די ראָד.

ווען פאַלט ער, דער שכור, די ראָד אין דער האַנד?
און זאָלען די שדים פאַרדעקען זיין שאַנד . . .

דער מיהלנער איז דיינער, און דיינס איז די ראָד —
פאַרגיב מיר די רייד און דאָס לעסטערן, גאָט!

VI

עס צינדט זיך אין מזרח דער מאָרגען אין פלאַם —
מיר לאָזען זיך שפּרייזען צום ים.
שוין שטעהט אויפ'ן אַנקער אַ שיף ביי דעם ברעג,
איז גרייט זיך צו לאָזען אין וועג.

וועט זאָגען דער שיפער: — איך פיהר נישט די שיף,
דער ים איז פאַרביסען און טיעף.
— עס קען אונז דער ים נישט פון נעכטען און היינט,
מיר זיינען לאַנגאַניגע פריינד.

וועט זאָגען דער שיפער: — דער אַנקער איז פעסט
פאַרפּלאָנטערט אין פעלזיגען נעסט.
— מיר וועלען צובייסען די שטריק מיט די צייהן,
די שיף זאָל אין ים אַריין געהן.

וועט זאָגען דער שיפער: — אין שטורם און שטיל —
וואוהין איז געווענדעט אייער ציעל?
— אהין, וואו באַגינען די זון שיינט פאַר דיר,
די שיף אין דער ווייט אַריין פיהר.

וועט זאָגען דער שיפער: — אין שפּענדלאַך און שטויב
פאַר ים־חיות פאַלט איהר אַ רויב.
— מיר וועלען אויף כוואַליעס און שפּענדלאַך דעם וועג
דערשווימען צום זוניגען ברעג.

וועט זאָגען דער שיפער: —ס'וועט איינער פון צעהן
די זוניגע ברעגען דערזעהן.
— דער איינער פון צעהן וועט דערשווימען אהיים,
דער איינער וועט זיין אין דער היים.

וועט שווייגען דער שיפער און בויגען אראָפּ
אין גליקליכע טרערען דעם קאָפּ.
וועט בויגען דער שיפער צום באָדען די פּיס
און יאָמערן יאָמערליך־זיס.

דאַן וועט ער זיך הויבען אַ שטאָלצער צוריק
מיט אויגען, וואָס שיינען פון גליק,
וועט פריידיג אַ נעם טאָן דעם רודער אין האַנד
און שווימען צום זוניגען לאַנד.

43. זיי געזונט

דאס פייפעל הילכט. באלד פאלט דער בריק.
דער רודער איז שוין גרייט.
נו, זיי געזונט! א ווייל — און אונז
דער וואסער־פאס צושיידט.

איך געה. צי אויף א לעבען לאנג?
א, לאז דאס פרעגען געהן!
די וועלט פאר וואגלענדע איז גרוים,
דער קרייז אבער איז קליין.

מען קומט צוריק. א פרייד פארגעהט,
א וועהטאג אייביג בלייבט.
דו געהסט אוועק און קומסט צוריק
אהין, וואו וועהטאג טרייבט.

נישט וויין. עס איז נישט אונזער צער,
און ס'איז נישט אונזער וועה.
עס בענקט א גאנצע וועלט אזוי . . .
נו, זיי געזונט! איך געה.

44. ניט שעלט!

נעהם, לאורא, אין וועג די קורצע תפלה:

— פארגעסען זאל מיין נאמען ווערען,
און שטארבען זאל מיט מיר מיין צער!

איך האב אין דורות־צער דיין נאמען איינגעפלאכטען,
און ס'קוקט דיין שווארצער קאפ ארוים פון מיינע ווערטער —
דו סימבאל פיינליכער פון אונזער אייביג וואגלען.

ווען דו אין איינזאמקייט זיך וועלען טרייסטען:
— דער נאמען לאורא פארבלייבען וועט אויף דורות...
ניט שעלט אונז, לאורא, ניט ברענג אויף אונז די קללה!

ווילסטו, אז עמיצער, ווי דו מיט דיינע אויגען
א אויסגעפייניגטע, זאל ווען עס איז נאך זאגען:
— איך בין, ווי לאורא, דער צער פון אייביג וואגלען?

ניט שעלט אונז, לאורא, און בעט מיט מיר צוזאמען:

— פארגעסען זאל מיין נאמען ווערען
און שטארבען זאל מיט מיר מיין צער!

45. אַ תּפֿלה

גאָט מײַנער!
דו ביסט אַליין,
איך בין אַליין,
זײַנען מיר ביידע אַליין.
פֿלאַקערט דײַן עלענד — אַ זון פֿאַר דער ערד,
מיר אָבער האָט עס די אַקסל באַשווערט,
פֿאַלט פֿאַר די פֿיס, ווי אַ שטיין.

גאָט מײַנער!
דו קומסט פֿון דיר,
איך קום פֿון דיר,
קומען מיר ביידע פֿון דיר.
דו צעהלסט אַ אייביקייט זיך פֿאַר אַ טאָג
איך — מײַנע טעג ווי געליהענע טראָג,
וואַרט אויף דײַן רוף יעדן טאָג.

גאָט מײַנער!
דו ביסט אין דיר,

איך בין אין דיר,
זיינען מיר ביידע אין דיר.
בלייב איך אין דיר מיט מיין עלענד און צער,
געה איך נאר דיר, ווי א קנעכט נאך זיין האר,
געה, ביז דו רופסט מיך צו דיר.

גאט מיינער!
דו ביסט פאר דיר.
איך בין פאר דיר,
זיינען מיר ביידע פאר דיר.
זאל פאר דיין כבוד זיין אלץ, וואס איך טו,
אלץ וואס איך לייד ביז'ן טאג פון רוה
אננעמען אלץ פאר א קרבן זאלסטו,
גאט מיינער, גאט מיינער דו!

תרע"ג — תרע"ט.

אינהאַלט:

		זייט
1.	לאורא	5
2.	דאָס הויז	7
3.	דאָך איינמאָל	14
4.	דאָס ליעד פון די יתומים	15
5.	צו לאורא'ן	17
6.	צו דעם...	18
7.	דער גורל	20
8.	אז מען קען ניט צאָהלען...	22
9.	היינריך	24
10.	אין האָטעלען	37
11.	פאַר וואָס און פאַר ווען	40
12.	דער שענער יונג	42
13.	א פאַר־פאָלק	44
14.	בלעטער פאלען	47
15.	עס איז געווען אמאָל	48
16.	לאורא'ס געזאַנג	52
17.	ווער זי איז	56
18.	ליידען־גליק	58
19.	דו ביסט רייך	61
20.	ווילסטו זיין	63
21.	ווי פרעמד	65
22.	כ'האָב פארגעסען	66
23.	אין אונזער גאַס	67

זייט

24. אומעט — 69

25. די צייט — 71

26. די גאָלדענע פּאווע — 72

27. הייליגע באַבעס — 78

28. דער דיכטער — 83

29. דער קוואַל — 92

30. אויף די קאַלטע בוידעמער — 93

31. דער פרעמדער — 96

32. דער לייהמענער גולם — 168

33. ווילט זיך... — 171

34. דו — דא — 173

35. זאָגט לאורא — 174

36. זייער ליעבע — 176

37. די שפּראַך — 179

38. א מעסער — 181

39. איך וויים... — 183

40. ביסטו א וואַנדערער... — 185

41. דער משפּט — 187

42. ביים ים — 189

43. זיי געזונד — 203

44. ניט שעלט — 204

45. א תּפלה — 205